STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02926

# YERUSHOLAYIM

Abraham Nahum Stencl

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ירושלים

לידער, באלאדעס
און פאעמעס

פון

**א · נ · שטענצל**

פארלאג י. נאראדיצקי · לאנדאן, 1948

*Printed by* THE NAROD PRESS, (T.U.), 129-131 Cavell Street, London, E.1

# ירושלים

# ירושלים עיר הקודש

נאָך האַלבער נאַכט עפנט זיך אויף מיין האַרץ,
אַ שמוק־קעסטעלע מיט סאַמעט אויסגעבעט,
און פאַר מיינע אויגן גאָלדן צעגלאַנצט
קיילעכדיקער קופּאָל, שלאַנקער מינאַרעט;
ס׳מינדסטע פענסטערל פון פינסטערסטער שול —
צעפינקלטער דימענט, געשליפן צעגלעט.

נעם איך׳ס אַרויס פון סאַמעט קעסטעלע,
און שטעל׳ס באַזאַכט אויף מיין האַנט מיר אַרויף,
מיין פינסטערע שטוב אַ פולע מיט ליכט,
און מיין געעפנט האַרץ אָפענער אין סוף;
יעדן באַגין פאַרשליסט די זון דערין
איר גאָלדענעם קופּאָל, איידער זי גייט אויף.

אַ דערשראָקענער קעמעל־קאַראַוואַן,
אַ צעקלונגענער מיט גלעקלעך און מיט גלעק,
פאַרגייט עס אין טיפעניש פון מיין האַרץ,
באַלאָדן מיט בשמים־און ווירצן געפעק,
נאָך איידער פונם מינערעט אַראָפּ,
ס׳שרייט אויס דער מואַזין זיין תפילה־געוועק.

ליג איך אַ גאַנצן טאָג שטיל פאַר מיין האַרץ,
פעסט צו באַהיטן אַ פאַרשלאָסענעם סוד,
פון מיינע אויגן אַרויס שלאָגט זיך אָפּ
צו די קלויסטער שפּיצן אַ צעבליצטער שפּאָט:
צוזאַם מיט מיין האַרץ נאָר אַרויסרייסן
ירושלים די הייליקע שטאָט — — — —

אויפציענדיקער פּרוכת — חצות שעה!
און פאַר אָפענעם ארון־קודש איך טרעט:
אַ כתר מיט גין־גאָלדענע גלעקלעך
איז ירושלים די שטאָט פון די שטעט;
און יעדעס פענסטערל אַ נר תמיד,
צאַנקט אין דער נאַכט אַריין מיט שטילן געבעט.

# ירושלים הבנויה

ווי האָבן מיר דיך אויפגעבויט, ירושלים,
קאָפּ אויף קאָפּ די אָפּגעהאַקטע זעקס מיליאָן,
און דאָס בלוט אונזערס, איבער גאָרער ערד צעגאָסן,
איבער דיין טורעם די צעפלאַטערטע פאָן.

אַלבאַסטער לייבער, אומשולדיק־אויסגעבלוטיקטע,
אַרויף צו דיר די ווייסע מירמלשטיין טרעפּ;
פאַרוויטע וויסטעניישן פירן וועגן צו דיר,
לעבעדיקע באַגראָבענע ספינקסן קעפּ.

אַרקאַדיען־זיילן, קונציק געצירטע, געדרייטע,
דער אויפגעגאַנגענע קרעמאַטאָריום־רויך;
אַזויפיל קינדלעך אומשולדיקע, געקוילעטע,
באַפליגלטע אַמאָר־קעפּלעך אין דערהויך.

און די טאַראַסן און די הענגענדיקע גערטנער,
אַרום און אַרום ווי וואונדערלעך צעבליט;
פון די פאַרשאָטענע אַש־פונקן, פאַרלאָשענע —
ס׳מינדעסטע רויזל נאָך פייערדיק צעגליט!

אויסגעפלאַסטערט דיינע גאַסן, דיינע מאַרק־פּלעצער
פון יעדן אויף אונז נאַכגעוואָרפענעם שטיין!
ירושלים, זיי אַלע אויסצופלאַסטערן
ווי אומענדלעך גרויס וועסט דו דאָס מוזן זיין — —

אָ, דיין גלגתא־באַרג אַצינד, ירושלים,
קאָפּ אויף קאָפּ אַרויפקוקן צו דיר די שטעט,
אַנידערצעוואָרפן זיך אויף די קני פאַר דיר,
אין זייער מחילה־און ווידוי געבעט.

# ירושלים של מעלה

ירושלים, דו הייליקסטע פון די שטעדט,
וועלכע בייזעסטע מאַכט קאָן דיך דען צעשטערן?
אַז ליכטיק צעפינקלט אויף אייביק דו ביזט דאָך,
אין יעדן לויטערן פון מענשליכע טרערן.

יעטוועדער שוין פינסטער פאַרלאָשענער בליק,
צו דיין הימלישע טיפעניש אויפגעהויבן,
אַ קלאָרע ליכטיקייט גייט שטראַליק אויף אין אים,
אַ צעקוואַלטער ר׳ווערט ווידער מיט פרישן גלויבן.

צי קען מען דען חרוב מאַכן אַ שטאָדט אַזאַ,
וואָס די שיינקייטן זיינען אירע רואינעס?
דאָס וווּנדערליכסטע ליד פון אַלע אירע לידער,
דער נביא ירמיהו מיט זיינע קינות?

יעדע פאַרוויסטעניש אויפ׳ן באַרג מוריה —
נאָך העכער מיט זיין שפּיץ צו קענען דערגרייכן!
און אין דער חורבה פון יהודה החסיד —
נאָך פאַרטיפטער צו די העכסטע הייכן — —

אַז אין יעדן מענשליכן אָפּענעם האַרצן
אויף אַלע אייביקייטן ביזט איינגעשלאָסן,
וואָס איז פליער דען, און וואָס איז פייער־וואַרפער
און צומאָל צילענדיקע הוביצער שאָסן?

אין דיינע האַרטע פעלזן ס׳האָט דער אָדלער שוין
זיינע צווייי מעכטיקע פליגל איינגעבראָכן,
און דיך דערזעענדיק בלויז, דער גרימיקער לייב
אין אַ נאָענטסטן לאָך פאַר פחד זיך פאַרקראָכן.

אַז יעדער מיאוס׳ער אכזר קומענדיק צו דיר,
אין מענטשליכן בלוט שוין ביז צו זיינע לענדן!
ווערט זיין האַרץ, אַן איבערגייענדיקס מיט גנאָד,
צעבלעטערט מיט דיינע הייליקע לעגענדן.

אלכסנדר דער גרויסער, דעמלט, פון מוקדון,
און פון אַוויניאָן דער גוואַלטיקער ריטער
קומענדיק צו דיר זיינען זייערע הערצער,
געוואָרן צעטרייסלט פון הימלישן ציטער —
— — — — — — — —

ירושלים, ווי חן אויף מענטשליך פנים
ליגט אויסגעגאָסן אויף דיר אַזאַ מין צויבער!
וויפיל הייליקע זיינען פון דיר געגאַנגען,
אַהערקומענדיק צו דיר ווי ווילדע רויבער — —

אַן אָפּבילד, אַ „צלם" פון דיר מיטגענומען,
גליקליך צו מאַכן מיט דעם זייערע לענדער,
מיט אַ קלאַנג נאָך פון דיר, מיט אַן איינציק וואָרט בלויז,
מיט אַ פאָדעם פון דיינע קאָליר־געוועבדער.

פאַר אַן איקאָנע, פאַר אַ שיין פון דיין אָפּשיין,
געקניט צו דיר אינם שטאָק־פינסטערן ווינקל
און אין אונזערע, די ביטערע חשכות
אויפגעלויכטן אין דיין הימלישן געפינקל.

ירושלים, דו הייליקסטע פון די שטעדט,
וועלכע פינסטערע מאַכט קאָן דיך דען צעשטערן?
אַז אין דער גאַנצער וועלט דו ביזט אויפגעגאַנגען,
מיט ליכטיק אויפגייענדיקן מאָרגן־שטערן.

# פאר די טויערן פון ירושלים אצינד

אָ, אַז נישט נאָר אין דיינע לעצטע חורבה־שטיינער,
מיט תחינה־טרערן מיר באַנעצן און באַוויינען —
מיט אונזער לעצטן ביסל בלוט געבליבענעם,
מיט זון־אויפגיי און־פאַרגיי דיינע בערג באַשיינען.

נישט אַלטע אָנגעלענטע אויף וואַנדער־שטעקנס,
און מיט ווידוי־ליפּן צו קושן דיינע שטויבן —
יונגען מיט ביקסן אין הענט צו פאַלן טויטע,
מיט געזאַנג פון די חורבות דיך אַרויסצוהויבן.

נישט שאַקאַלן־געהייל פון טונקעלע היילן —
זינגענדיקע מיט מעסערס אין פויסטיקע ביילן,
ווי שאול זיין פּאַר אָקסן פאַר זיין אָקער־אייזן,
אונזער לעבן אויף שטיקער פאַר דיר צו צעטיילן.

ירושלים, נישט אַ וויסטע אלמנה,
נישט אַן איינגעהילטע ביזט מער אין שוואַרצע טיכער — — —
„בבואו מאדום חמוץ בגדים“, — — — —
און אויף ווינטן־וויכערס קאָן מען דען איילן גיכער ?

מיליאָנען הענט אויסגעשטרעקטע פון די פלאַמען,
האָבן דיך צוריקגעראַפּגעברענגט מיט זייער לעבן,
און מיר, די געראַטעוועטע פון גאַז־קאַמער,
דיך צו באַשיצן — אונזערס דאָ אַוועקצוגעבן !

אויף דער ערד איצט, ירושלים של מעלה,
מיר וועלן דיך פון די וויסטע חורבות אויפריכטן,
אָדער גאָט וועט בלייבן זיצן אינמיטן טאָג
ביי זיין חלבן ליכטל־זון חצות אָפּצוריכטן.

און נישט מער נאָך דיר אַליין, ירושלים —
נאָך אַלע שטעט און לענדער פאַרוויסטע צוזאַמען !
דאָס ביסעלע אַש פאַר גאָטס קאָפּ ס'איז שוין צוגעגרייט,
פון די מיליאָנען אויפגעגאַנגען אין די פלאַמען.

מיר אָבער איצט די געבליבענע, די לעצטע,
אויף דיין ערד לעבן צו בלייבן, אָדער צו שטאַרבן,
דיין פאַרשוואַרצט אבילות-קלייד ירושלים,
רויט מיט אונזער בלוט ליכטיק מיר וועלן באַפאַרבן.

# דער שארית-הפליטים הוירא-טאנץ אין ירושלים

האָבן אונזערע טאַטעס די פידלען
אויפגעהאָנגען ביי די בבל־טייכן, —
אויפגעפלאַצטע צעריסענע סטרונעס
הענגענדיקע ווערבע־צוייגן גלייכן, —

האָבן מיר זיך געסטראָיעטע סטרונעס
געצויגן די תּליהשע הייכן;
פּעטלע אַזוילאַנג אַרום האַלדז געשטייפט,
דעם ריינעם קלאַנג צוריק צו דערגרייכן.

אַלע געוויינען דעמאָלט וואָס זיינען,
און פון ליידן ס׳שרעקלעכסטע דערפילן,
אַז וואָס ווייאיקער, וואָס טיפער די וואונד,
אַלץ טיפער פון די פידלען דאָס שפּילן,

די גאַנצע וועלט אַצינד אַלע מענטשן
דעם הוירא־טאַנץ וועלן מיר אויפשפּילן — —
אַז טרייסלען ס׳וועט די ערד אונטער די פיס,
און דאָס בלוט פון די שונאים — פאַרקילן!

און וועט די רעכטע האַנד פון צופיל טאַנץ
ווערן פאַרמאַטערט און אָפּגענומען?
איז לייב אין לייב פאַרוויקלט פאַרפלאָכטן,
ווי ב׳גאַז קאַמערן אַרומגענומען.

אַז מיר אַליין זיינען די באַס־פידלען
און פּעטלע־שטריק, סטראָינדיק צוברומען,
אונזערע תּליה־צונגען, טרוקענע,
פון זינגען צוגעקלעפּטע צום גומען,

(און ס׳פּלאַצן נישט די סטרונעס — די שונאים!)
איז טאַנצן ביז משיח וועט קומען,
אַ הוירא איבער גאַנצן ערד־קיילעך,
מיט אַלע מענטשן אַרומגענומען.

# דער שווערדן-טאַנץ אין ירושלים

„הגדיל אדוני לעשות עמנו“ — — —
מיר זיינען אויסדערוויילט, מיר זיינען ווערט,
מיט אונזערע לייבער אויסצוטאַנצן,
לעצטן שווערדן-טאַנץ אויף הייליקער ערד.

נישט רויך-זיילן וואָס ווערן צעבלאָזן —
אונזערע לייבער לייגן פונדאַמענט!
צו מאַכן פון זיי די אַקער-אייזנס,
נעמען מיר די כלי-זיין אין די הענט.

נישט אַש מער צו צעשטויבן אין דער לופט —
מיט אונזער לייב צו זעטיקן די ערד!
אין פייער פון דער צעפלאַקערטער פרייד,
ס'אַקער אייזן אויסשמידן פון דער שווערד.

זעקס מיליאָנען פאַר עמוד הענן —
צוויי מאָל אַזויפיל פאַר עמוד האש!
און פון שרעק ס'וועט אַרויסלאָזן דער לייב,
פון צווישן די ציין ס'פּאַרציקטע שטיק פלייש.

אַן אויסגעשליפענע שאַרפע קאָסע
מוז אויסגעשמידט ווערן פון יעדער שווערד,
אַז שניידן קענען מיר זאָלן מיט פרייד,
אויסגעזייטע זריעה אַזוי פאַרטרערט.

„הגדיל אדוני לעשות עמנו — — —“
אָ, גרעסער פון אונז זיינען זיי געווען,
אַש צו ווערן פאַר באַהאַלטענעם פונק,
אַז קיין בייז אויג זאָל נישט קענען אים זען.

און דער בלאָז-זאַק דעם פונק צו צעבלאָזן,
אַז אַ פלאַם אַ צעפלאַקערטער ער ווערט —
מיט די לעבעדיקע באַגראָבענע
ס'איז געוואַלטיק צעאָטעמט קיילעך ערד.

אָ, וואָס מער שווערדן וואָס מער כלי זיין,
און צעפּלאַקערטער דעם טליענדיקן פלאַם!
אַזוי געוואַלטיק מוז ווערן דער שניט,
געננוג ער זאָל זיין פאַר לייב און פאַר לאַם — —

אין אַקער אייזן, אין שאַרפער קאָסע
אויסגעשמידט מוז ווערן די קלינג פון שווערד
און לעבן בשלום מוז וואָלף און לאַם,
אַז אונזער פרייד זאָל נישט ווערן צעשטערט.

# ירושלים די שטאט

מיט די 24 טויזנט תלמידים
רבי שמעון בר יוחאי פון מערה אַרויס,
זיי גייען קיין ירושלים די שטאָט,
די עשרה הרוגי מלכות פאָראויס.

מיליאָנען, מיליאָנען גייען אַנטקייגן,
די חבריא מקבל־פנים צו זיין,
צוזאַם מיט זיי איין חבריא קדושה,
אין דער הייליקער שטאָט אַריינצוגיין.

פון די מערות אַרויס פון די בונקערס,
אין דער געהייליקטער שטאָט קומען זיי אָן,
עס איז געוויקלט איבער זיי דער הימל,
איין פלאַם־פייערדיקע צעפלאַקערטע פאָן.

שטיל איז זייער טראָט, פאַרשוויגן זייער מויל,
צום הר המוריה זיי גייען אַרויף,
פון זיין טראָן, כביכול, נידערט גאָט אַראָפ,
מאַיעסטעטיש קעניגלעך נעמט ער זיי אויף:

„יאָ, מיטן ׳אל תשלח ידך אל הנער׳
איז געהייליקט דאָ און געאייביקט די שטאָט,
הייליק און אייביק וועט זי ווייטער בלייבן,
וויל וועלכע האַנט צוריקגעהאַלטן זיך האָט.

נישט צו קוילן צומאָל זיין בן יחיד קינד?
צו שחיטה פירט טאַטע זיין איינציקן זון!
נאָר אויף באַרג דאָ, אויפן הר המוריה,
אַן איינציק מאָל האָט עס אַ טאַטע געטון —"

שטיל דעם הר המוריה שטייען אַרום,
הייליק געבויגענער פאַרשוויגענע קעפ,
און ווי די בערג אַרום ירושלים,
זיינען זיי אין גאָטס טראָן די הייליקע טרעפ.

## ירושלים

(דאָס געזאַנג אין דער נאַכט פון יז׳, כסלו תש״ח)

אָ, קיינמאָל נאָך נישט אַזוי ירושלים,
האָסט דו אַ הימלישע אויפגעלויכטן אין דיין פּראַכט —
אין אונזערע טרערן באַהאַנגען ביזט געווען,
אַ כלה אין איר דערוואַרטעטער חופּה־נאַכט.

און אַז אַנטוּענדיק דייך דימאַנטענע בראָש,
דיין איידעלער אַלבאַסטער האַלדז בלוטיק זיך פאַרשטאַכט — — —
אָבער מאכן דען טרויעריק טרערן און בלוט,
אַ כלה אין איר דערוואַרטעטער חופּה־נאַכט?

אַ צניעותדיקע אונטער טוליענעם שלייער
האָסט דו דיינע אויגן צעפינקלט אויפגעמאַכט —
אונטערן אויפציטער פון מיליאָנען הערצער,
אַ כלה אין איר דערוואַרטעטער חופּה־נאַכט.

פּול רובינען אַן אויסגעשטריקט שטערן־טיכל,
דיך צום באַדעקן פון געליבטע הענט געמאַכט,
ס'איז דער הימל איבער דיר, ירושלים,
אין יענער אויפגעוואַכטער פאַרחלומטער נאַכט.

אַ צעשטראַלטער הוירא־ראַד, ירושלים,
האָבן לבניש די בערג אַרום דיר געמאַכט,
מיט קוילעטש אויף קאָפּ, אינמיטן חצות־געוויין,
איז שכינה אויפגעשטאַנען צעטאַנצט און צעלאַכט.

אָ, אַנגעצויגענע פידלען צום אויפשפּילן,
בלייבן שטיין די הערצער, איינגעהאַלטן פאַרטראַכט,
ווען איבער די מיליאָנען, די נישט דערלעבטע,
גאָט אַליין האָט דעם אל מלא רחמים געמאַכט — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי געהייליקט דו ביזט אונז, ירושלים,
אַז דערנידריקטע אַזוי און אַזוי פאַרשמאַכט,
מיט דיין נאָמען פריידיק באַפרייטן אויף ליפּן,
האָבן הערצער אונזערע האָפערדיק דערוואַכט.

# אין דיין יעטווידן אות...

ס׳האָט רב יהודה הלוי דיין שטויב געקושט,
ביז פון זיין ליבשאַפט צו דיר ער איז אויסגעגאַנגען;
לבנה׳ש־וואַנדלעריש מיט טעלערל פון הימל,
אַ וווּנדערלעכע מתנה דיך צו דערלאַנגען,
ס׳איז דער אר״י הקדוש, מיט הענט צעפלאַכטענע,
שכינה קיינגעגאַנגען מיט כלה־געזאַנגען.

צו חצות, נאָך האַלבער נאַכט, אין שפעטער פינסטערניש
מיין טאַטע, מיין ברודער נאָך, אויפגעשטאַנען זיינען,
הימלען איינצורייסן, — הערצער זייערע, —
מיט ביטערע „הבט משמים״־געוויינען;
אין זייער שרעק, — אין זייער קדושה־בענקעניש! —
צו דערבליקן כאָטש אַן אָפשיין פון דיינע שיינען.

און איך פאַרדורשטיקט, פאַרטרוקנט, אויסגעלאָשן,
טיף פאַרזונקען שוין אין די פינסטערע תהומען,
איינגעביסן כ׳האָב מיך אין דיין יעטווידן אות,
מיט פאַרהאַקטע ציין שוין אין גסיסה־שוימען — —
און פון מינדסטן פינטעלע פון דיין קיצו של יוד,
אָנגעטרונקען מיט זאַפט־קערנדל פון מילגרוימען —

צעוויקלטע הימלען, אומענדלעך אין־סופיק,
צווישן פאַלמען־געשאָרך און טרויבן־בערג־ציג־צאַגן,
אַ ירועה מיט אותיות פול באַשריבן —
די שטערן זיינען די קריינדעלעך איבער די תגין!
אָנציטרונקן זיך מיט דיין יעדן אות — אַ כוס,
פול מיט מילגרוימען־זאַפט, פון קערעלעך תרי״ג׳ן — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳האָט רב יהודה הלוי דיין שטויב געקושט,
ביז אויף דיין ערד געבליבן ליגן ר׳איז אַ טויטער — —
מיט ציין אָציגנד ב׳דיין יעדן שטיין איינגעביסן,
מויער צו ווערן פון שטאָט צוריק אויפגעבויטער — —
אַ, ס׳ליד הלוי׳ס אייניקלעך צו באַזינגען,
וועלכעס האַרץ איצט אַזוי רייך, אַזוי הייליק לויטער — — —

# פאר דער כותל מערבי

# פאר דער כותל מערבי

עפּענט זיך אויף מיין האַרץ, אַ הייל אין פינסטערער נאַכט,
ירושלים, דיין הערליכקייט צו באַקוקן,
און פאַר יעדן פון דיינע הייליקע געשטאַלטן,
מיך צו פאַרנייגן אַצינד, און טיף מיך צו בוקן.

איך בין קיינמאָל נישט געווען אין דיר, נישט געזען דיך,
אָבער אויפ'ן כותל געלעגן מיט מיין שטערן,
אַ גליאיק הייסן ווי דיין זון, ירושלים,
יעדן שטיין באַגאָסן מיט זיך פון מיינע טרערן —

איינס בין איך געווען מיט זיי, ווען מאַמע האָט געליינט
פון חנהן מיט אירע קינדער, מיט אירע זיבן — — —
ווי זי וועט זיך פון דיין מויער אַרונטערוואַרפן,
דאָס נאָר צו זען נאָך בלויז, בין איך איבערגעבליבן ?
— — — — — — — — —

בלינד ציטערן הענט, טאַפּנדיק ביי קאַלטן געשטיין,
הערצער אויפגעשווידערטע אין טויזנטער שרעקן !
אַראָפּגעפאַלענע — — אַרונטערגעוואָרפענע — — —
גאַנצע ערד מיט זייערע בלוטן באַפלעקן —

יאָ, אַלע מענטשן צו באַפרייען, צו דערלייזן
מיט זייערע טרערן מיט זייערע געבעטן — —
— — — — — — — — —
עפּענט זיך אויף מיין האַרץ, אַ הייל אין פינסטערער נאַכט,
זיינע פינסטערנישן אַלץ טיפער צו באַטרעטן —

אַן אוצר, אַ טייערער, אַ גאַר זעלטענער,
פאַר פרעמדע בליקן אונטער אַ שטיין באַהאַלטן,
אַזוי דו, אונטערן כותל, ירושלים,
מיט דיין הערליכקייט, מיט דיינע טויזנט געשטאַלטן.



2

## פונקט ווי די איבערגעבליבענע מערב-וואנט

נישט אינמיטן שטוב אויף פיס־בענקעלע
זיצט די מאַמע און לייענט פון טייטש־חומש אַרויס —
זי אַליין איז דאָס יענע חנה־מוטער,
און מיר די זיבן קינדער אירע — אין איר שויס:

אונזערע פנימלעך ווילד צעשראָקענע, —
אייגעלעך געפינטל אין צעציטערטן בלאָס! —
צווישן די פינגער די מישנדיקע בלעטלעך
פון טריפנדיקע טרערן דורכגעווייקט און נאָס — — — —

אָ, איר קול, ווי יאָמערלעך, ווי אויסטערליש!
דאָס געטוליע פון אירע אָרעמס פול מיט שרעק!
פונם תליון, פון זיינע רוצחישע הענט,
זיי רייסן  דאָס אַצינד אונז פון איר לייב אַוועק —

פול ווערט די שטוב מיט געוויין און מיט ציטער,
ווען עס קומט צו צום זיבנטן פון אירע זין,
אַלע צוזאַמען מיר פאַלן צו איר צו:
אַט־אָ לויפט זי צו דער אָפענער טיר אַהין,

אָ באָרפיסע צעכראַסטעטע ווי זי איז,
און פון דאָרטן גלייך אויף הויכע מויער אַרויף,
און מיט „שמע ישראל אויף אירע ליפּן,
וואַרפט זי זיך אַ טויטע אַראָפּ אין מיטן הויף —

שטייט זי דאָרט איצט מיין מאַמעס וויסטע מויער,
פונקט ווי די איבערגעבליבענע מערב־וואַנט,
נאָר ווער זי באַוויינען זאָל, איז נישט געבליבן,
אין פרעמד־פאַרשעמטן, פאַריתומטן מאַמע־לאַנד —
— — — — — — — — — — —

נישט אינמיטן שטוב אויף פיסן־בענקעלע
זיצט מאַמע מער און לייענט פון טייטש־חומש אַרויס,
פון איר פאַרגאָסן בלוט און אירע קינדערס,
בלאָס־פאַרווישטער שליאַד קוים ס׳איז פאַראַנען נאָך בלויז.

# ירמיהו

ווען דו ירמיהו האָסט דיין איכה געשריבן
געוועזן זיינען דעמלט ליכטיקע צייטן;
אין ריטם פון קלינגנדיקע שקלאַוון־קייטן
האָסט דו פון דיין האַרץ די פייער־פונקן געריבן.

אַרום וועלכע מיר האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן
אין פינסטערניש — אַרום צעצונדענע שייטן;
משיח איז געקומען אויף זיין פערד צו רייטן,
פון בייטש־געקנאַל, וואָס האָט אין גלות אונז געטריבן!

אַצינד זיינען ריגגעלעך רויך פון אונז געבליבן,
וואָס קייטלען זיך אויף אין ליידיק לערע וויטן — — —
קיין קלאַנג מער, קיין הויך, קיינעם שוין צו באַגלייטן —
— — — — — — — — — — — — — —

אַחוץ דאָס ביסעלע אַש אויף שטויבלעך צעריבן,
אויף זיין קאָפּ איצט אבלותדיק אויסצושפּרייטן,
גאָט כביכול געוואָלט האָט עס צוגרייטן — — —

# גאָט כביכול

פונם כסא־הכבוד שטול איז גאָט אַראָפּ,
אויפן פּיס־בענקעלע זיך אַנידערגעזעצט,
פון טויזנט שטורעם־ווינטן איז זיין געמיט געהעצט,
פון ווילדע בליצן — זיין איינגעבויגענער קאָפּ.

ווען פון זיינע אויגן נאָר אַן איינציקער טראָפּ,
אַ נישט איינגעהאַלטענער, אַראָפּ פאַלט פלוצלינג יעצט,
און דאָס פּנים פון דער ערד זיינע אַ טרער באַנעצט —
אַ מבול פאַרגיסט וועלט גאַנצע און מעקט זי אָפּ.

זיצט גאָט אויף פּיס־בענקעלע, פאַרשטיינערט שטילן,
געהילט אין טלית נ׳תפילין פון פינסטערסטן לייד,
און דאָס ביסעלע אַש אויף זיין קאָפּ אויסגעשפּרייט, —

איבער געשריפטס פון אַ לעצט־געבליבענעם ווילן! —
זאַפּט אַריין אין זיך זיין צער און זיין וויגעשריי:
„אל הורת לנו לאמר שלשה־עשרי — —

# נאך האלבער נאכט

(אַ כותל־מערבי־באַלאַדע)

אַן איינגעהילטע אין טונקלסטער מולד־נאַכט,
געזונקענעם קאָפּ אויף ווינקל־שטיין געלענט — —
ווי געוואַלטיק עס אויפשווידערט יעטוועדעס האַרץ,
צו דער טויטפאַרשטיינערטער וואַנט נאָנט גענענט.

ס׳האָט נאָך קיין מענטשלעך אויג זי קיינמאָל נישט געזען,
דאָס מעכטיקסטע האַרץ געבליבן עס וואָלט שטיין,
אונטער איר שטערן־טיכל אירע צוויי־אויגן,
הענגענדיקע לאָגלען פולע מיט געוויין.

און דאָס געשנירל פון ליפּן, אירע שטילע,
דעם האַלדז ס׳וואָלט פאַרצויגן ווי אַ פּעטלע שטריק!
נאָר דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ נעמט יעדערער מיט,
אין געמאָסטענעם טראָט גייענדיק צוריק.

ווי איינגעהאַלטן שטאָלץ און ווי אויסטערליש שטיל
נאָר אין דער אייביקייט קאָן מען אַזוי גיין — —
עס הילכט דער עכאָ פון איר שלאָגנדיק האַרץ,
פון אונטער יעטוועדן באַטראָטענעם שטיין.

עס האָט נאָך קיין מענטשלעך אויג זי קיינמאָל געזען,
נאָר דעם וויטאָק פון איר האַרץ יעדערער פילט,
ווען גרויליק זי פּאַרבלוטיקט איבער גאָרער וועלט,
אין טויטער מולד־נאַכט טונקלניש געהילט —

נעפּלען אין נעפּלען שלייערן און וויקלען זיך,
וואָלקענעס אין וואָלקענעס הילן זיך איין;
פּאַלנדיקע שאָטנס די פאַלדן פונם קלייד,
אינם אויסגעהאַקטן שוואַרצן גראַניט־שטיין — — — —

אַזאַ שטייניק־קאַלטע, אַזאַ פינסטערע וואַנט,
ס׳איז דער גאַנצער רוים פאַרשטיינערטער אַרום,
איבער אַ תהום זי שטייט אָנגעלענט און שטום,
אין אירע ווייען־געשרייען און געקרים — — — — — — — — — —

ס׳האָט נאָך קיין מענטשליך אויער איר קול נישט געהערט,
נאָר דעם אָטעם האַלט יעדער האָרכנדיק איין,
ווען נאָך האַלבער נאַכט צוויי פליגלען פון אַ סאָווע
צעפּאַטשן ווי הענט אין חבלי־לידה־פּיין.

# א כותל מערבי באלאדע

„ושבו בנים לגבולם"

ליידיק זיינען די גאַסן פון ירושלים,
אַז ווער עס באַווייזט זיך ווערט תיכּף דערשאָסן,
טאָ ווי אַזוי זיך אויסווייגען, דאָס האַרץ עפענען,
ביי דער כותל־מערבי אין די חצותן.

בייטאָג קומט נאָך אָן, אַ מבושימדיקע, די זון,
און לייגט איר הייסן קאָפּ אויף אַ שטיין אַ קאַלטן,
פאַרשוויגן און שטיל גייט זי אַ פּיבערדיקע ווייטער — —
די זון אין העלן טאָג ווער קאָן דען פאַרהאַלטן!

אָבער אין לבנה׳לאָזע נעכט, חושכדיקע,
פאַר אויפגאַנג נאָך, פאַר שאַריען, צו ותיקין?
אַ טרויעריקע שטייט די וואַנט, אַ שטיין אויף אַ שטיין,
דאָס האַרץ פון ירושלים צו דערדריקן.

פון די שווערע טריט פון האַלב שכּורע פּאַטרולן,
ווי ליידיקע ווייןפּעסער הילכן די גאַסן!
קליינע קינדער וויינען פון שווערע חלומות אויף,
ווי אויפגעשריגענע אינמיטן פאַרגאַזן — — —

ליידיק זיינען די גאַסן פון ירושלים,
אַז ווער עס באַווייזט זיך ווערט תיכּף דערשאָסן,
אָבער איבער דער כותל מערבי געבויגן,
ציטערט עמעצער ווער פון טרערן צעפלאָסן —

די לאַנגע זשיביצע שוואַרץ ביז איבער די קנעכל,
ווי אַ ירושלים נאַכט, צעגלאַנצט און זיידן;
אין דער באָרד און פאות די צעפונקלטע אויגן,
פון שטערן און הימל גישט אונטערצושיידן.

פינצטער שוואַרץ זיינען די נעכט פון ירושלים,
חושכדיקער דער איבער דער וואַנט געבויגן!
עס לעשן זיך די לעצטע שטערן אין הימל,
פון די טרערן וואָס רינען פון זיינע אויגן:

„גאָט, ס׳איז דיין האָרץ, כביכול, אַ שטיין פונם כותל,
נישט געריר̃ט פון רחמנות, צי פון גרימצאָרן,
אַן אָפּבילד פון דיין בילד, אַן עמוד־הענן־זייל,
איז דאָך דיין פאָלק, דיין אויסדערוויילטס שוין געוואָרן.

„גאָט, דו ווייסט דאָך אונז נישט צעבלאָזן ווי רויך אין ווינט,
וואָס ווערט אין גאָרנישט צעפלאָשעט און צעפלויגן,
ס׳מוז דאָך אַזאַ רויך־זייל פון מיליאָנען פּאַרקוילטע,
איין טרער כאָטש אַרויסרייסן פון דיינע אויגן.

„אָ, אַז דאָס אָפּבילד פון דיר מיר זיינען געוואָרן,
קאָן דאָך קיין מענשלעכע האַנט אונז נישט צעשטערן!
און אַז אַן איינאיינציקער טראָפּן לעכערט דעם שטיין,
ערשט אַ טרער כביכול, פון דיינע טרערן — — — — — — — — —„
— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳פלאָשן די באָרד־לאָקן, די פאות, די ברעמען,
אויף דער כותל בלייבן איבער אויגן־לעכער — —
ווי אַ וואָלקן, אַ נעפל, ווי קרעמאַטאָריום־רויך
שוועבט ער איבער די ירושלים־דעכער.

פון ווו ר׳איז געקומען, וואַהין ר׳איז געגאַנגען?
מיט די טרערן פון די אויגן ר׳איז צערינען!
נאָך הערן די פּאַטרולן זיינע לעצטע שלאָכצן,
זיי זוכן אים און קאָנען אים נישט געפינען — —

„מי זאת עולה מן המדבר כתמרות עשן?!"
קוקט די כותל אים נאָך מיט ליידיקע לעכער,
און דער וואָלקן, דער נעפל, דער קרעמאַטאָריום־רויך
הויבט זיך צום הימל אַלץ העכער און העכער.

# פאר דער כותל מערבי
(באַלאַדע)

1

אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער מערב וואַנט,
שטייט די שכינה מיט פאַרבונדענע אויגן,
דאָס האַרץ איר'ס איז דאָס ציגל פון די וואָגשאָלן,
וואו די מעשים פון וועלט ווערן אָפּגעוואויגן.

ווער קאָן וויסן ווען טאָג פון גערעכטיקייט קומט,
אַז זון און לבנה זיינען אירע שאָלן;
אָנאויפהער ציטערט איר האַרץ אַרויף און אַראָפּ,
איבער ירושלים'ס בערג ב'טונקעלע טאָלן — —

נאָך האַלבער נאַכט ווען לבנה ווערט פול און רויט,
איידער בלוטיקע זון גייט אויף אין באַגינען,
בינדט שכינה אויף אירע פאַרבונדענע אויגן,
און אירע טרערן אויף די וואָגשאָלן רינען.

פאַרלאָשן און פאַרפינסטערט די גאַנצע וועלט ווערט,
פון דעם געפלייץ פון די גיסנדיקע טרערן;
אַהין און אַהער דאָס וואָגשאָל ציגל צאַפּלט,
קוים דאָס שטילער געפליסטער איר'ס צו דערהערן:

„אַז דאָס האַרץ פון דער וועלט זאָל זיך נישט אָפּשטעלן,
טאָר איין שאָל פון דער וואָג נישט אַריבערשווערן,
און דערפאַר טאָר אויף אייביק פון מיינע אויגן,
דאָס טרערן־גערין צו פלייצן נישט אויפהערן.

„און זיינען די זינדיקע נישט מענטשן־קינדער?
דער זינדיקסטער נאָך האָט דאָך ערגעץ אַ מאַמע — —
אָבער אַז מיינע קינדער, די אומשולדיקסטע,
און אַזוי געפּייניקט, על אחת כמה — — —

„זע, דער טאָג פון גערעכטיקייט גייייט אָנקומען,
מיינע אויגן פילן שוין פריידיקע טרערן,
און פון דעם איבערפלייץ פון די וואָגשאָלן,
ירושלים'ס טאָלן ליכטיקע ווערן —

און די אויפגייענדיקע זון איבער די בערג
איבער גאַנצער וועלט מיט גערעכטיקייט שיינען" — —
אַז פון פרייד דאָס האַרץ איר'ס זאָל זיך נישט אָפּשטעלן
מוזן אירע מאַמע־אויגן אייביק וויינען —

און אירע טרערן ליכטיקע צעשפּיגלטע,
דער אָפּשיין פון גאָט איבער אַלע וועלטן,
זיי פאַלן אויף די וואָגשאָלן, צעציטערטע,
די מעשים פון מענטש ערלעך צו פאַרגעלטן.

אַ פולע איז דעמאָלט די גאַנצע וועלט מיט גאָט,
זיין ווידער־קול — קלאַפּנדיקע הערצער זיינען;
און דאָס אָפּבילד פון אים אַלע מענטשן־קינדער — —
זאָל נאָר פון דער פרייד דאָס האַרץ איר'ס נישט פאַרשטיינען.

2

אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער מערב־וואַנט,
שטעלט זי זיך צוריק מיט פאַרבונדענע בליקן
נישט זען זי וויל די איינגעפאַלענע חורבות,
אין שטיקנדיקן רויך די מערות און די ליקן.

ווי עס דונערן אַרום איר די האַרמאַטן,
אין די בערג אַרום אויפגעבראָכענע בליצן —
געשפּיצטע דלאָטן לויפן איבער איר רוקן,
לעצטן שטיין נאָך אין ווילדן נעץ צו צעקריצן!

נישט זען זי וויל דעם כאָרכלדיקן געראַנגל,
דאָס מעסער געבלאַנק אין בלוטיקן אויפצוקן —
יעדער שראַפּנעל, יעטווידע צילנדיקע קויל
גיפטיק געצילט אין איר צוקנדיקן רוקן!

אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער מערב־וואַנט,
שטייט די שכינה מיט פאַרבונדענע בליקן,
און דאָס וואָגשאָל ציטערט נישט אויף צו צאַפּלען —
די פרייד אין איר האַרץ אַ שעפּסל אין פאַרציקן:

„ירושלים, דו מיט דיין הייליקער וואַנט,
מיט דעם שטיקעלע בלויז וואָס איבערגעבליבן,
ווערן מיינע קינדער געראַטעוועט אַצינד,
מיינע קינדער פון גלות צומאָל פאַרטריבן — —

„ווי יענע שעפּס, אַ פאַרפּלאָנטערטער אין קזשאַקעס,
צווישן הר המוריה און הר הצופים,
ירושלים, פאַרפּלאָנטערט אין שטאַכל־דראָט,
צו ראַטעווען ביזט דו געקומען צו לויפן — — —

„ווי דו ברעכסט דאָס צוזאַמען, ווי דו פאַרבלוטיקסט,
אויף לעצטן שטיין געקוילעט צווערן;
ירושלים, אַ קינד פון מיינע דו ביזט,
קיינמאָל צו ציטערן נאָך דיר נישט אויפצוהערן.

„איך בין דאָך נאָר אַ מאַמע, אַן אָרעמע פרוי בלויז,
וואָס לאַכט אויף נאָך אין רגע פון חבלי־לידה — — —
אָ, אויף מיין האַלדז איך שפּיר דאָס בלאַנקע מעסער —
יענער געבונדענער שעפּס אויף דער עקידה!

„ירושלים, מיט אונזער בײדנס לעבן,
אונזערע קינדער אַצינד מיר טון באַשיצן — — — — — — — — — "
— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז מען זאָל די פרייד אירע נישט דערבליקן
פון די טרערן אַרויס פריידיק אַרויסבליצן.

אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער מערב וואַנט,
שטייט די שכינה מיט פאַרבונדענע אויגן;
מיט איר לייב אַ לעצטן שטיין אָפּצוראַטעווען,
שטייט זי — אַ מאַמע איבער איר קינד געבויגן.

# ארץ ישראל ערד

# ארץ ישראל ערד

זשאַרנעס ארץ ישראל זאַמדלעך געבליבענע,
פון וועלכע מ׳האָט געלייגט צוקאָפּנס פון מיין טאַטן,
טראָג איך אין מיין האַרץ־טאָרבעלע צעריסענעם,
וואָס איך האַלט אין פאַרצערעוועץ און פאַרלאַטן.

די פאַרלוירענע זעמדלעך אויפן וועג צומאָל,
זיינען געצויגענער שליאַד מיך נישט צו פאַרלירן;
און מיינע טרערן, די זשאַרנע זעמדלעך אין טוי,
אויפגייענדיקע צעצווייגטע בוימער־שפּאַלירן.

רויט־קאַלירטע קאָראַלן־שטאַמען גייען אויף,
אין גליוועך פון פאַרגאָסענעם בלוט, גאַנצע ים׳ען,
זשאַרנעם ארץ־ישראל־זעמדלעך געבליבענע,
פון וועלכע מ׳האָט געלייגט צו קאָפּנס פון מיין מאַמען.

אָ, מיין שוועסטער, נישט ארץ ישראל קערנדלעך —
ציאָן קאַלי אין גאַז קאַמער געטון איר שיטן!
שטייט זי מיר צוקאָפּנס אַן אויפגעגאַנגענע
מיט יעדן בעז בוים אין פרילינג וואָס שטייט אין בליטן.

איז נישט נאָר מיין האַרץ־טאָרבעלע מיין צעריסנס,
האַלט איך יעצט אין פאַרצערעוועץ פאַרשטריקן,
נאָר יעטווידער בליענדיקער בוים — אַ רויך זייל,
ברענט טרערן מיר אויס אין מיינע גליאיקע בליקן.

און וועלן די לעצטע זשאַרנעס אַרויספאַלן
און נישט בלייבן ס׳וועט מער צוקאָפּנס מיר צו לייגן,
וועל איך זיין אַ לעצט געטראָפענער פון אַ בליץ,
אַן אונטערגעהאַקטער שטאַם מיט פאַרוועלקטע צווייגן.

# זעקס מיליאָן

ווו זיינען די זעקס מיליאָן פאַראייביקט,
ווען יעדער ייד שוין אַן אות אין דער תורה האָט ?
אָ, אין די זעקס ווערטער „שמע ישראל
אדוני אלקינו אדוני אחד" — —

און וויפיל טויטן אין די אותיות
אַז אַלע ארבע מיתות אין די דלת שטעקט !
יאָ, אַזוי ווי דער שמע ישראל פונקט,
וועט זייער אָנדענקען נישט ווערן אָפּגעמעקט.

און ווי דער גאָט פונם פאָלק ישראל,
קיין געשטאַלט נישט, אָנצוטאַפּן עס מיט די הענט,
דערפאַר נישט אויף תליות אויפגעהאַנגען —
אין רויך אויפגעגאַנגען אין אייביקן אָן ענד.

פאַרוואָס איז משנה דען זעקס סדרים,
עס איז דאָך געווג איין פרק נאָך אַ מת ?
זעקס סדרים נאָך די זעקס מיליאָנען,
און די יאָרצייטן נאָך זיי ס'איז יעדער מעת-לעת.

„והגית בו יומם ולילה" — — —
ס'איז יעטוועדער רגע אַ דערמאָנונג נאָך זיי !
און אין דער לעצטער מינוט פאַרן טויט —
אויף יעדנס ליפּן דער שמע ישראל-געשריי.

און דערפאַר יעדער בלוט-טראָפּ אונזערער
אָפּגעציילט 6,000,000 רויטע בלוט קערנדלעך האָט :
די נקמה — ווי דער „שמע ישראל
אדוני אלקינו אדוני אחד".

אַן אומענדלעכע, אַ געאייביקטע,
ווי דער געהייליקטער טויט, ווי דיין נאָמען גאָט,
ווי לעצטער אויסגעשריי : „שמע ישראל
אדוני אלקינו אדוני אחד" — — —
— — — — — — — — — — —

בלויז זעקס מאָל ירושלים מלא!
איז דאָס מסתמא די מסורהדיקע טרייסט:
מיט די זעקס מיליאָן, ירושלים,
פול מיט יידן דו וועסט ווערן, און אויסגעלייזט.



3

# ס׳איז די גאנצע ערד שוין יענער מוריה-שטיין

ס׳איז די גאַנצע ערד שוין יענער מוריה־שטיין,
מיר אַלע ליגן אויף אים געבונדענע צום שעכטן!
ווען שוין וועט זיך באַוויַיזן, צום פאַרטוישן, דער שעפּס,
מיט זיינע הערנער אין געצווייג זיך צו פאַרפלעכטן.

ס׳איז די גאַנצע ערד שוין יענער מוריה־שטיין,
מיט אונזער בלוט זיינע ווינקלען צו באַשפּריצן!
ווו איז יענע שטימע וואָס רופט, וואָס ראַטעוועט,
איידער דער חלף וועט איבער האַלז זיך צובליצן?

ס׳איז די גאַנצע ערד שוין יענער מוריה־שטיין,
פון דער שייד איז די קלונג שוין אַרויסגעצויגן!
איז עס אפשר גאָר אַ ליגן, אַן אויסגעטראַכטער,
אַז אַ גוטער מלאך איז געקומען געפלויגן?

ס׳איז די גאַנצע ערד שוין יענער מוריה־שטיין,
אונזערע קעפּ אויסגעשטרעקט צו הימל און צו מעסער!
אין אונזער שרעק, אין אונזער מורא׳דיקן וואַרטן,
מיר וויסן שוין נישט, וואָס געוועזן ס׳וואָלט שוין בעסער.

## „לישועתך קויתי — — — —"

נישט די זיילן פון דער וועלט אונטערברעכן —
פאַלן אונטער אירע לאַסטן, און זי דערטראָגן!
דאָס פאַרבלוטיקטע האַרץ אונטער אַ שטיין,
מיט מורמלדיקן, מיט כאָרכלדיקן נישט־דערזאָגן.

אין אייגענעם ווייטאָק בלוטיק זיך פאַרבייסן,
נישט אומצוקומען אין נקמה און אין טרויער!
לעבעדיקע קוואַלן — אונזערע יסורים,
וואָס רייסן זיך פון אונטער שטיינער אַפויער — —

טייכן וואָס רינגלען און זאַמלען זיך אין ימען,
אַזוי אונזער פאַרגאָסן בלוט, אונזערע טרערן,
די גאַנצע וועלט שוין אַרומצונעמען
מיט געמורמל דעם, קיינמאָל נישט אויפצוהערן —
— — — — — — — — — — — —

ס'דרייט זיך דער ערד־קיילעך דער גלגל־העולם,
נישט אַ שלייף־שטיין מעסערס אין אים צו שאַרפן -
אַ יאָגנדיק מיל־ראָד אין שוימענדיקע כוואַליעס
דאָס ברויט צו מאָלן פאַר אַלע וואָס באַדאַרפן!

# די „ווידוי גדולה״...
(יום־כפור ת.ש.ז.)

מתודה צו זיין אויף זיין גרויסער זינד,
לייגט גאָט אַרויף די הענט אויף אונזער קאָפּ,
אחת ואחת, אחת ושתים — — —
אַ טרער פון זיין אויג פאַלט די זון אַראָפּ.

ווי פינסטער ס׳ווערט דאָס אין אַ וועלט אַזאַ,
אַז גאָט אַליין שוין מוז מתודה זיין,
ס׳לעשן זיך די לבנה, די שטערן,
פונם שוידער פון גאָטס שרעקלעך געוויין.

געשאָכטן ליגט דאָס ווייסע ציגעלע,
אין אַלע עקן וועלט ס׳בלוט געשפּרענגט,
אחת ושלוש, אחת וארבע — — —
און רויט נאָך אַלץ דער „חוט השני״ הענגט.

אָ, גאַנצע וועלט שוין אַ פאַרוויקלטע,
אין דעם פאַרבלוטיקטן „חוט־השני״־דרים!
אחת־וחמש — ואחת ושש — — —
טיף אויף זיין פנים פאַלט גאָט אלקים:

אחת ושבע — — איז זעקס מיליאָן ווייניק?
וואָסער בראַנדאָפּער, ווי געוואַלטיק גרויס!
אָ, דער אויפגייענדיקער דאַמף און רויך,
פונם ציקעלע פון „ואחרי מות״ —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

מתודה צו זיין ווידער אויף דער זינד,
שטרעקט גאָט אויסעט די הענט אין ווילדער שרעק — — —
זיך אַליין, כביכול, חלילה,
אַראָפּצושליידערן אין אַלדי העק — — — — —

# די זעקס הונדערט טויזנט

ווי שמעון ולוי די ברידער די צוויי,
600,000 שטייען זיי דאָרט איצט:
איידער נקמה פאַר שוועסטער געשענדטע,
גלייכער גליך, מיט אייגענעם גוף געשיצט.

אַן איינציקע שוועסטער איז דינה געווען,
יהודית יעצט דאָרט יעדע יידישע פרוי:
אַז נישט מער אַ גאַנץ פאָלק מיט קינד און מיט קייט,
פאַר אַלעמענס אויגן געשענדט אַזוי.

6,000,000 געפאַלן אויף קדוש השם,
600,000 פאַר קדוש העם:
צומאָל גאַנצע וועלט אַן אויפגעריסענע,
מיטגעריסן אין אָפענעם תהום.

אַז קבר מיט אייגן לייב אויפגעריסן,
איז „כברת־הארץ" אַ קינדער־שפיל;
עס הענגען זייערע קעפּ אויף די לייבער,
גראַנאַטן צו שליידערן אינם ציל — —

אַ שמשון הגבור ס׳איז יעדער פון זיי,
די קלאָרסטע בליקן פון נקמה בלינד:
בעסער 600,000 געפאַלענע,
ווי 6,000,000 צעפלאָשעטע אין ווינד — —

אויפגעריסענער תהום ווערט פונדאַמענט,
שטיין אויף שטיין יעדער געפאַלענער העלד,
אַז רויך אויפגעגאַנגענער פון 6,000,000
זאָלן זיילן בלייבן פאַר נייער וועלט.

# ארץ־ישראל־חלה־טישטוכל

ס׳האָט טרויריק די מערב־וואַנט אַראָפּגעקוקט,
איבער ביישטידל אונזערן, איבער שמאָלן,
דערפּאַר שבת אויפן חלה־טישטוכל,
איז גאַנץ ארץ־ישראל געווען אויסגעמאָלן.

רחל׳ס־קבר, די מערת־המכפלה,
די מלאכים, ווען מאַמע שרה׳ן זיי בענטשן;
די אָדלערס און לייבן פוןביידע זייטן,
ממש אויסגעזען ווי לעבעדיקע מענטשן.

אַ גאַנצע וואָך איז אונזער באַקעטער טיש
אַ האַלב־באַדעקטער בלויז מיט טישטוך געוועזן,
זשגאַמזשענדיק דעם ביסן ברויט — פון טיש אַראָפּ
דעם „על נהרות" מיט ליפּן גאָר געלעזן.

חרובדיק די מערב־וואַנט אַראָפּגעקוקט
איבער ביישטידל אונזערן איבער שמאָלן,
אָבער ווי רחבותדיק ס׳גאַנצע בית מקדש
פון חלה־טישטוכל ארץ־ישראלן.

און ווען שבת־פאַרנאַכט שאָטנס טונקעלע
האָבן דאָס שטיבל אונזערס געטון איינהילן,
ס׳האָט דעם „גאָט פון אברהם" מיין פרומע מאַמע
גענומען זאָגן מיט אַ ניגון אַ שטילן — —

יאָ, אויף אַ פערד אַ ווייסן, אַן אָרעמען,
איז טאָקע משיח אָנגעקומען צו רייטן,
אָבער פון ביידע זייטן פון טישטוכל אַראָפּ,
אָדלערס און לייבן געטאָן טון אים באַגלייטן.

די דרויסנדיקע דריי ליכטיקע שטערן
איבער ירושלים זיינען געשטאַנען!
פונם חלה־טישטוכל פון געמאָלטן
אויף הימל אַרויף זיינען זיי אויפגעגאַנגען.

פונקט ווי פרייטאָג־צו־נאַכט די צוויי מלאכים,
טאַטן אין שטוב אַריין האָבן געטון באַגלייטן,
ווען מאַמע צווישן די געצונדענע ליכט,
ס'טישטוכל אויף די חלות געטון פאַרשפּרייטן.

— — — — — — — — —

ס'האָט טרויריק די מערב־וואַנט אַראָפּגעקוקט,
איבער ביישטידל אונזערן, איבער שמאָלן,
דערפאַר שבת אויפן חלה־טישטוכל,
איז גאַנץ ארץ־ישראל געווען אויסגעמאָלן.

## „תחזינה עינינו בציון
(ימים־נוראים ת.ש.ז.)

ס׳הענגט דער האַרבסט־וואַלד אין שול אויף מזרח־וואַנט,
אַ בלעטלעך־צעפּליקטער לײדיקער קאַלענדער;
אונטער אַ ברײטן שטאַם באַהאַלטן זיך,
די הערשן אויפן „שויתי״ פאַרן שטענדער.

ס׳יאָגן זײ יעגער אין לײדיקן וואַלד,
קומען נ׳שול זײ צווישן יידן זיך באַהאַלטן;
ריטשקעלעך טרערן פינקלען פון ווינקלען,
ווי פרישע קוועלעכלעך צווישן פעלדזן שפּאַלטן.

אַראָפּ פאַלן די אָקטאָבער־שטערן,
אין אויפגעריסענע ערד זריעה פון קערנער,
ווען זײ רײסן די הימלען אַרונטער,
מיט דער שרעק אין זײערע צעצווייגטע הערנער.

יאָ, אויפן ערשטן בלאָז פונם שופר
וואַרטן די שוואַלבן מיט זײער אַוועקפליען,
ווען פון די שול־פענסטער וועט באַגלײטן,
דעם חזנ׳ס „תחזינה עינינו בציון״ —
— — — — — — — — — — — — — — — —

די נישט אויסגעבריטע אייער אין נעסט,
פון ווו די שוואַלבן זיינען אַוועקגעפלויגן,
אויסגעבלאָזענע און אָפּגעפאַרבטע,
און פאַר נוי־סוכה אויף שנירלעך אויפגעצויגן.

הענגען נאָך אין מיין שטיבל אויף דער וואַנט,
איידער די זון גייט אויף אין די האַרבסט פאַרטאָגן,
נאָר ווו דער „שויתי״ פאַר די הערשן,
ווען דער ווילדער וואַלד־יעגער וועט ווידער יאָגן?

# שפוך חמתך על הגיים
((חג־החרית ת.ש.ח.)

דאָס ציקעלע געשאָכטן און דער שוחט דערצו,
וואו איז גאָט דעם מלאך־המות ר׳זאָל קוילען, וואו?
יעטווידעס ביישטידל איבער ירושלים
איז מיט בלוט באַשמירט: שפוך המתך על הגויים.

אונטער יעטווידן דאַך באַווייגט אַ מאַמע אַ קינד,
און די שכינה ווי וואָרקנדיק זי קלאָגט דאָס אַצינד,
אַז אַזויפיל חורבות אין דיר ירושלים,
און פון יעטווידער: שפוך המתך על הגויים.

איז צו שטאַרק געוועזן די פרייד אונזערע פאַר גאָט,
און כביכול חלילה מורא געהאַט האָט,
איבער דער שטאָט זיינע, איבער ירושלים,
פאַרגעסן נאָך דעם: שפוך המתך על הגויים?

ווער קאָן נאָך אויפהויבן אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ,
אַז שנאה, אַז בושה בויגן פאַרשעמט אים אַראָפּ — — —
די פולע לבנה איבער ירושלים
הענגט אַ בלוט־בילבול: שפוך המתך על הגויים.

אונזער האָפּערדיקע פרייד די צעשטראַלטע, אָ גאָט,
דער גלויבן אַצינד, דער פאַרבלוטיקטער, און אָנשטאָט
דעם לעצטן לשנה הבאה בירושלים,
גאָר אויסצושרייען: שפוך המתך על הגויים — — — — — — — —

אַז דורך אַלע טירן ס׳קומט אליהו צוגיין
און פון יעטווידן פנים ער ווישט אָפּ דאָס געוויין
וועט ער דאָך דורך די טויערן פון ירושלים
אודאי קומען — שפוך המתך על הגויים —

דאָס ציקעלע געשאָכטן און דער שוחט דערצו,
ווען נישט דער מלאך המות — געקוילעט ווערסט דו,
גאָט, איבער די טויערן פון ירושלים
דיין בלוט געשמירט ווערט: שפוך המתך על הגויים.

## חד-גדיא

אונטער וואָקלדיק וואָגלדיק וויגעלע,
אין אייגן בלוט ליגט קלאָר־ווייסינק ציגעלע
און קינד אין וויגעלע לעבט אויך שוין נישט מער;
איבער יענקעלע, אויף טויט אַ פאַרקייכטער,
צאַנקט צוקאָפּנס אָנגעצונדענער לייכטער,
פון הענגען געבליבענער מאָמעשי־טרער.

קומט קעצל מיט גענגל באָרוועסן שטילן,
און ווילד הינטל מיט וואָיענדיקן בילן,
נישט אַזוי צום באַקלאָגן, ווי צום געשפּעט,
ווי פרומע ניאַנקע פּונקט און שבת־גויע..
פון זייער פּאַלטשן געמיאָו און געוואָיע,
כאַפּט זיך יענקעלע אויף פון זיין הינערפּלעט —

אַז גוט און ווויל וואָס קעצל איז אַ פרומע
און הינטל גנב האָט שטיק זיינע, קרומע,
אַז נישט געוועזן וואָלט יענקעלע שוין טויט — — —
אָבער צום געקוילעט זיין, נאָך פאַרשפּעטן?
געשטאָרבענערהייט שוין, מ׳מוז זיך נאָך רעטן!
אַי וואָס ציגעלע־ווייס גאָר גליווערט איצט רויט?

איז גין־גאָלד גלעקל נאָר לויטער געבליבן —
קלינג, קלאַנג! צוויי גילדן פלינק צוזאַמענגעקליבן,
און אַ ציגעלע ווייס צוריק אָפּגעקויפט!
נייך, נישט מערער אונטער וויגעלע שטעלן,
אַז שוחט זאָל׳ס קוילען, ווען נאָר ר׳וועט וועלן — — —
אַ קליין ציגעלע אויף לאַנקעס אַרומלויפט!

יאָ, אויף פרייע פלוינען אַרומגעלאָפן,
פונם וואַסערל מיטן אָקס געזאָפן,
און ווילד געשפּרונגען איבער שטעקל און שטיין;
פון פייערל אַרויס שוין האַלב געבראָטן,
נאָך ביי געקומען דעם פינסטערן שטן,
און ראַנגלען צומאָל מיט כביכול אַליין.

# מגן - דוד - שטערן

# קאנסטעלאציעס...

## 1. ל״ג־בעומר ת.ש.ז.

נישט פון די שטערן אַרויסצולעזן,
וואָס קומען עס גייט און וואָס עס וועט ווערן;
פון הימל אַראָפּ ס׳איז דער גרויסער בער,
זיך באַהאַלטן אין נאָרע צווישן בערן.

דאָס ביסל לעבן זיינס צו דערהאַלטן,
די לאָפּעס זיינע ווי אייטערס צעזויגן!
און פון אַ שטורעם־בליץ ר׳איז געטראָפן,
דער אָדלער אין זיין לעצטן פלי געפלויגן.

אָ, אַז מזל תאומים אויף אַלע מערק
שטייט אַ געפּאַנגענער שקלאַוו צווישן שקלאַוון,
ווי אַזוי פון שטערן אַררויסלעזן —
פון אותיות געפינטלטע און טראָפן?

אין דער הייל פון רבי שמעון בן יוחאי
אַן אַנדערע חבריא איצט באַהאַלטן,
נישט מיט מעשה־מרכבה־אותיות
פלאַטערן אויף זייערע שטערן־פאַלטן;

אויף לעצטן ראָד פון הימלישן וואָגן
קצו של יידן אין מעסערס צעשליפן,
און פון קעפּ אָפּגעהאַקטע, פון הענט־נ׳פיס,
זיי ליינען אַרויס ווי פון הערהאָגליפן:

פון הימל אַראָפּ געמוזט ס׳האָט דער טלה,
אַז מיט לייב ער זאָל זיך פיטערן קענען!
אויף הימל אויבן ווער ברויך דען פּאַשע?
אָבער איצט אַז אויף ערד ביידע זיי זענען — —

און אַז ציינער און גראַטשעס ס׳האָט דער לייב,
האָט שעפּעלע הערנער אַריינצושטעכן!
און מיט סוד הצמצום יעדער אַטאָם,
מיט שפּע פּאַר אַלעמען אויפצוברעכן.

## 2. „מלכות-שבמלכות" ת.ש.ז.

מיט אות־געקניפּ און מיט ציפער געקרייז
מיט געטורעם פון געהירן־אַנטענען,
דעם אויפגעריסענעם וויסטן כאַאָס
ווי מיט אַ לאַסאָ איינפאַנגען צו קענען —

אויפן פיגאַז, אין צעברויזטן גאַלאָפּ,
פליט פלינק אוריאָן מיט זיין פייל און בויגן,
אין צעניט די זון זיין ציל־פונקט אַצינד,
ער האַלט זי שוין אין זשמור פון זיינע אויגן.

ווי געשפיצט זיי זיינען און ווי געשפאַנט,
צוזאַמען מיט זיין פייל אין ציל צופליען,
און אַן אַראָפּגעשאָסענע די זון —
דעם רינג מזל שור דורך די ליפּ צו ציען!

און אַז הויט און ביין בלויז ס'איז שפּעלע,
טאָ צו וואָס קאָן אַ פאַנג אַזאַ נאָך טויגן?
ס'וועט פאַר אוריאָן, דעם יעגער שיסער,
אַ שאָד זיין דעראויף אַיין פייל פון זיין בויגן.

אַ חוץ, פון זיין אויסגעמאָרעטער הויט
געווירעטן פאַרמעט דערפון צו גאַרבן,
און אויפשרייבן דעראויף לעצטע ווערטער,
פון פאַרמענצעטן שפּעלע פאַרן שטאַרבן:

ווייל אויף הויט פון שוואַכיקן לעמעלע,
מיט זיין בלייך בלוט דעם „לא תרצח" געשריבן,
צערייסט זיך לייכט דערפאַר די יריעה,
און די בלאַסע אותיות אָפּגעריבן.

ווען אויף דער געגאַרבטער פעל פונם לייב
עס וועט דער לא תרצח געשריבן ווערן,
מיט זיין זידיק בלוט רויטן צעשוימטן,
ערשט דעמלט וועט דאָס געקיילע אויפהערן.

## מזל תאומים

(האַראָסקאָפּ 1)

ביים ברונעם ביים אויסגעליידיקטן עמער
האָבן זיי זיך דורשטיקע צונויפגעטראָפן,
נישט געווען ווער דעם שטיין אַראָפּצוהויבן,
זיינען זיינע אויגן מיט בלוט איבערלאָפן.

האָט אויף זיינע געשאַרפטע הערנער דער אָקס
דאָס שטילע ציקעלע אַ ווילדער גענומען,
און די גאַנצע ערד, דער גאַנצערנער קיילעך,
האָט אינם בלוט פונם ציקעלע געשווומען.

געלעקט און איבערגעלעקט זיך ס׳האָט שוין דער אָקס
און אַלץ דורשטיקער די צונג זיינע געוואָרן,
פון דער הויט אַרויס זיין נאַקן וויל שפּרינגען,
אַ פאַרברענטער פון גרויס דורשט און פון גרימצאָרן.

האָט ער מיט געוואַלטיקן, מיט ווילדן ווי
זיינע הערנער אין הימלען אַריינגעגראָבן,
פון איין געשרויב מיט זיין צעשויבערטן קאָפּ
האָט ער זיי ווי הוילע עפּל אויסגעשאָבן.

ליגט דער ציקעלע צו זיינע פיס אַצינד,
אַ שטילס, אַ שלאַנקס אויף אַלע פיר אויסגעצויגן;
צוויי שטערן, אָקאָרשט אַראָפּגעפאַלענע,
לייכטן אויפגעריסן, די אָפענע אויגן.

שטייט ער מיט די טלאָען אויף בלוטיקער ערד.
די הערנער צווישן די פאַלנדיקע שטערן;
פון ווילדן גערעווע וואָס רייסט זיך פון אים,
ס׳וועט גאַנצע וועלט נאָך דערפון צעטרייסלט ווערן.

און וועט דער צווילינג נישט קומען געלאָפן,
ס׳ציקעלע צוריק צום לעבן צו דערוועקן,
דעם שטיין פון ברונעם אַראָפּצוקאָלערן,
דעם סאַטורן־רינג דעם אָקס דורך נאָז צו שטעקן,

נאָך ווילדער ס׳וועט זיין זיין רציחיש געשפרינג, —
איבער הרוגים־בערג ווי איבער היי־סטויגן ! —
דער גאַנצער ערד־קיילעך, דער פאַרבלוטיקטער,
אַ רויט־טוך אַ צעפּאָכעטס פאַר זיינע אויגן — —

און ווען זיינע צעפּאָכעטע נאָז־לעכער
דעם גליווער פון בלוט זיי וועלן ערשט דערשמעקן,
אויף זיינע הערנער ער וועט טראָגן די זון —
פול זידיק בלוט אַן איבערגייאיקן בעקן — — —

חושכדיק פאַרפינסטערט און אויסגעלאָשן,
די שיינעדיקע שטערן אויף שטויב צעריבן,
און דער איינגעשפּאַנטער הימלישער וואָגן
אַ מתים־עגלה פון קברן געטריבן !

נישט־ליכטיקער מילך־וועג מער — וואָלקענעס קאָרזש,
פון אונטער די שוואַרצע רעדער אויפגעהויבן !
פול איז די ערד מיט מתים, מיט הרוגים,
פאַרט קאַטאַפאַלק די פגרים צונויפצוקלויבן — —

נישט קיין בתולה מער און נישט קיין תאומים,
אַלע אין איין טאָג געשענדעט און געשאָכטן !
און דאָס ציקעלע, נישט אין דער מאַמעס מילך —
אין אייגענעם בלוט, זידיקן אויפגעקאָכטן —

— — — — — — — — — — — — —

באַר מאַרס און מערקור און ווענוס אינמיטן,
זיי הערן נישט אויף קאַטשען זיך פאַר געלעכטער,
צוקוקנדיק ווי דורכן סאַטורן־רינג
שפּרינגט גרויסער־בער אַ קונצן־מאַכער אַן עכטער.

# מזל טלה

(האָראָסקאָפּ 2)

ס׳איז דער ערד־קײלעך אַ בלוט־פּענכער נאָך בלויז,
יעטווידע רגע צו ווערן אויפגעשטאָכן;
ס׳האָט דער פלינקער פּײלן־פליער, אוריאָן,
דעם סאַטורן־רינג אַצינד אַדורכגעבראָכן.

איז נישט דרייענדיקער גלגל-העולם,
מיט אויפגייענדיקע מזלות און שטערן, —
זון־אויפגיי און פאַרגיי אין יעדן אָטאָם! —
ליכטיק צו לייכטן און פאַרלאָשן צו ווערן?

נישט ציל־פּונקט שוין מער און נישט פּײלן־בויגן,
און נישט קינדער־שפּיל פון געווונען און פאַרלוירן,
ס׳האָט די בתולה די הימלישע, נישט אַ קינד —
אַ קרעבס, אַ סרטן־טשערעפּאַכע געבוירן!

יעטווידער שאַריען און בין־השמשות —
דער נאָכגעבורט, דער בלוטיקער נאָכגעשלעפּטער!
און די זון, אין אויפגאַנג און אין אונטערגאַנג —
איר צופוסנס דער געליבטער אַ געקעפּטער!!

אַ מאַרק־זיצערקע אויף צעשרייטן פיש־מאַרק,
וואָס רייסט די וועלט איין צו מאַכן אַ פאַרמעגן,
זיצט זי איבער דער זון — איבער אַ פייער־טאָפּ,
דעם לויתן־פיש אויף אויף לויטל אויסצוועגן.

באַלד וועט זי זיך אויפשטעלן, אַ היים צוגיין,
נעמען אַ בעזעם דעם הימל צו פאַרקערן!
די פולע טאָרבע אירע מיט געלד־לײזעכץ —
לבנה־נעכט מיט אויפגייענדיקע שטערן!

און גייט ער נישט אויף אַצינד, דער גרויסער־בער,
ווי אויף אַ שטריק אַן אויסגעצויגענעם לאַנגען,
אויף דינעם בין־השמשות זילבער־שטרייפן,
אַ געקניפּטן אויף אירע סטראַגאַנעס-שטאַנגען?

דעם פלינקן בויגן־שיסער ווער ברויך אים נאָך,
צי דעם שפּילנדיקן אַמאָר מיט פייל און בויגן,
אַז וואָג־שאָל פון גערעכטיקייט האַלט אין האַנט
אַ פאַרקויפערקע מיט פאַרבונדענע אויגן ?

ווי ס׳ציטערט דאָס דאָס שוואַכינקע שעפּסעלע,
אַ פאַרלוירנס אַזוי אין די אין־סופיקע ווייטן — —
ס׳זיינען די הערנדלעך — ס׳שנעלע וואָג־צינגל,
וואָס טרייסלט זיך כסדר אויףביידע זייטן. —

אָ, ווי לאַנג נאָך דען וועט עס געדויערן
די קלינג אויפן גלגל־הארץ צו שאַרפן ?
טאָמער וועט זיך דאָס צינגל דאָך אַ ריר טון,
אַז אברים־ווייז זיין לייב אויף וואָג־שאָל מ׳וועט וואַרפן.

אויסשטרעקן אַצינד אַ לאַנגן שחיטה־האַלדז,
אונטערן מעסער זיין לעבן אויסצוצוקן !
עס קאָן דאָך שוין נישט מער צום צער פון דער וועלט,
מיט זיינע רחמנות־בליקן זיך צוקוקן.

ווי געוואַלטיק ס׳טרייסלט דאָס דאָס שעפּעלע,
אַ טוליענדיקע שוין מיט אין־סופיקע ווייטן — —
צוקנדיקע הערנדלעך פלאָנטערן זיך
אין די צוגעזאָגט קומנדיקע צייטן — — — — — — —

און דער לייב, אויף דעם אויף־הימל־אַ־יריד,
כאַטש אין דער וואָל פון שעפּסעלע זיך פאַרקריכן !
אפשר אליהו׳ן ערגעץ דאָך טרעפן,
וועלן זיי ביידע אַנטקייגנגיין משיחן — — —

# א צפת׳ער חנוכה-באלאדע

## לכבוד ראָמעל׳ס מפּלה

א

זיצן זיי דאָרטן אין הייליקן צפת,
אין אַ הייל אונטער אַ באַרג,
מ׳פאַסט תעניתים און מ׳זיפצט קבלה,
יעדער סיגוף איז זיי קאַרג.

מכות־מרדות, מלקות, ארבע מיתות,
גלגול שלג גאַנצע נעכט!
דערלייזן מוזן זיי אַצינד די וועלט,
מעג זי זיין שוין כולו-שלעכט.

פונקט ווי דער מענטש פון תרי״ג מצוות
ס׳איז זיין גוף צוזאַמענגעשטעלט,
פון גמטריאות, פון פּרפּראות
אויפגעבויט ס׳איז אונזער וועלט —

פון עשר ספירות אין מספר גדול
דער עולם קטן געמאַכט!
און די מעשה־מרכבה כביכול׳ס
דער „גרויסער בער״ יעדע נאַכט.

דער זון־פאַרגאַנג — זיין מתן בסתר
אין פושקע מאיר בעל נס!
אָ, ער איז דאָך דער אל מלא רחמים
איבער איר יעטווידן מת.

נאָר אַ תיקון־עולם מוז זי האָבן,
עס מוז זיין אַ נייער „ויהי!״
און וואָס איז דען מלחמת־ גוג-ומגוג —
אַזאַ בדמיך־חיי!

בלוטיקט זי אין טומאה, די וועלט,
נתעלה צו ווערן — גרויס!
פון אַלע אירע חטאים־פשעים
אַ ריינע זי זאָל אַרויס.

אין מ״ט קבין שערי־דמעות
צו טבילה אַצינד זי גייט,
דורך חבלי־לידה יסורים־קשים
די יצירה ערשט מ׳פאַרשטייט.

אַן עגלי־תלתא פון ליים צו מאַכן —
אַ גאָר־נישט מיט אַ גאָר־נישט!
אַ שם — און משיח איז געקומען!
אָבער אַז דער — מען טאָר נישט — — — —

אַ, וויפיל שמות ס׳האָט כביכול —
אַ ווונדער איז יעדער שם!
נאָר אַרויסצורייד, אַ טראַכט צו טון
און אַרויס איז וועלט פון קלעם.

ב

זיצן זיי דאָרטן אין הייליקן צפת,
אין יחידות גאַנצע טעג,
און די נעכט פולע מיט רחל־תיקונים,
אָפּצוואַרטן דעם — מען מעג...

דבקות, התעוררות — מוחין דמוחין!
און מיט קעפּ שוין דורך די ווענט!
אין דראָענדיקע געביילטע פויסטן
ציטערדיקסטע שוואַכסטע הענט.

דעם שם של־ארבע אַרויסצושעפּטשן,
און גאָרע וועלט איז דערלייזט —
די מרכבה של מעלה שטייט גרייט שוין!
נאָר דער „כלב״ קומט געשפּרייזט — —

און אַ גרויסער פּחד פאַלט אָן אויף זיי,
פאַרגליווערט בלייבן זיי שטיין!
אַ פולע מיט בכיות שטייט די מערה,
איבער גייט זי פון געוויין.

ווען מ׳צינדט די נר־חנוכה־קנייטלעך,
גייט אַ גרויס ליכט אויף זיי אויף —
בבחינת חשמונאים־גלגולים
פונם עולם האין־סוף — — — —

סעודות וחינגות ווערן געפּראַוועט,
אַזוי ווי אין „פּרדס״ ס׳שטייט!
מיט קאָפּ פון לויתן מיט שור הבר,
אַ פייג מ׳ווייזט „יענע־לייט״.

מיט רקודים־טענץ אין זאָקן אויף טיש!
און ס׳אמת׳ע ביסל יי״ש!!
נאָר אין מיטן דער חדוה אויף איינמאָל
שפּרינגט אַרויסעט אַ בר־נש:

„וואָס מיר הייליקער זוהר, דער אדרא,
און דער גאַנצער „שפע טל״!
און אַפילו דער אר״י הקדוש
מיט נציצין און חשמל — —

„דאָס טעשל קאָרטן אין האַנט גענומען,
און אַלץ ווערט אַרויסגעליינט!
די מלכה אייכל, אַז מ׳געפינט נאָר,
און די גאולה איז היום — היינט!

די גאַנצע וועלט גייט אין בלוט איצט אונטער,
און מיר וואַרטן אויפן שם — —
די טויז־רויט נאָר מ׳מוז אַרויסגעפינען,
און דערלייזט זי איז פון קלעם״.
— — — — — — — — — — — — —

ג

בגילופנדיק אין הייליקן צפת,
זיצן זיי דאָרטן היי־יאָר,
איז נאָך נישט די נבואה מקוים,
ישעיה׳ס וואָרט נאָך נישט וואָר,

אָבער דער ראַמעלוס אות השביעי
איז דאָך אמת אויף אַ האָר,
ווי דאָס חנוכה־ליכטל וואָס לייכט זיך,
שמן־זית׳דיק און קלאָר.

„ויבא ארמילוס וילחם — —"
שטייט עס דאָך בפירוש דאָרט!
און איז נישט דער „אבקת רוכל" שטויב נאָר,
אַנטקייגן ישעיה׳ס וואָרט — —

פון יעדן מויל רזין דרזין דרש
קומט אַרויס דער זעלבער שנת!
נהרות־דנהורין אין די אויגן —
פון יי״ש המשומר פאַס!

און ווי שווערדן אויף אַקערס ווען מ׳קאָוועט,
און אויף שערפ יעטווידן שפיז,
קלינגען די גלעזער, קלאַפּן די בעכערס — —
גילוי־אליהו — ס׳איז!

נאָר דער „כלב", דער ימח־שמו׳ניק,
וואַיעט דרויסן פאַר דער הייל,
דעם „מעולם ועד עולם אתה אל",
פאַרהילכט ער מיט זיין געהייל.

— — — — — — — — — — — — — —

„ביין, לענגער וואַרטן מיר טאָרן נישט מער,
מקיים צו זיין דיין וואָרט!
איז וועלט נישט ווערט דיין שם זאָל דערלייזן —
ציען מיר אַרויס די קאָרט!

„מאַכט דען נישט „ת׳בא ג׳אולה ש״לימה"
דער ראשי־תיבות פון שנת?
ווערט אומזיסט, חלילה, אָנגערופן
דאָס טעשל קאָרטן — קליין־ש״ס?!"

און פון האַנט צו האַנט גייען די קאָרטן,
אַרויסצוזוכן טויז־רויט!
אָבער ווי דעם שם, אַזוי מיט די קאָרט,
ווער ס׳געפינט זי דער איז טויט — — —

ציט מען קניפּלעך ווער ס׳זאָל די קאָרט ציען
און גיין אויף קידוש-השם!
וואָרעם איז דען גרעסערס איצט פאַראַנען,
ווי דערלייזן וועלט פון קלעם?

ד

זיצן זיי דאָרטן אין הייליקן צפת,
זייער פרייד — זעיר־אנפּין־גרויס!
דער מינדסטער פון זיי אויף קידוש־השם
הויכט דאָך זיין נשמה אויס.

און דאָס ציען פון די גורל־קניפּלעך,
אין דער זכיה ס׳גייט דאָך נאָר:
ווער ס׳איז אויסגעקליבן איז נתעלה,
די נבואה צו מאַכן וואָר.

נאָר פּלוצלינג אַ גרויסע אימה באַפאַלט
און שטיל שטייט יעדער פאַרשטאַנד:
איז דאָס קניפּל נישט און די קאָרטן ציען,
נישט אַמאָל דעם שטן׳ס האַנד?

איז דען „סמאל״ דער וואָס וואָיעט דרויסן?!
כביכול׳ס שכינה אַליין,
ווי אַ וואָרקנדיקע טויב יעדן טאָג,
פאַרגייט זי דאָך אין געוויין — — —

און פון דער מנורה ס׳זילבערנע טייבל,
ווי פון אַ שטייגל אַרויס,
פליט אַראָפּ, ציט די גורל־קאָרט — טויז־רויט!!
און דער נס אין־סוף׳יק גרויס:

דער שמש, די הבדלה פון רערל,
עפענט אויף אַ פלאַמיק מויל,
און פול איז די הייל מיט אש־להבה,
אַזש ס׳כאַפּט אָן אַ פחד־גרויל:

„פון די געקוילעטע, געשענדעטע
די יללות וואָס איר הערט,
קייגן זייער פּיין און ארבע מיתות —
אייער סיגוף וואָסער ווערט!

„דער שם פון פיר אותיות — נקמה,
פאַר אומזיסט פאַרגאָסן בלוט!
און טויז־רויט — יעדעס פאַרבלוטיקטע האַרץ,
אין מסירת־נפש מוט!

„ס׳איז די שכינה כביכול געשענדט,
און גאָט אַליין איז אין קלעם,
און נאָך איין רגע, אָן אויגנבליק נאָר,
און געזיגט ס׳האָט סמך מם — — ״

— — — — — — — — — — — — —

און ווי איין ברידער, ווי אין איין עצה,
שמעון ולוי פאַר שכם!
זיינען צעצונדענע פון הייל אַרויס,
מיטן דערוואַרטעטן שם — — —

# עיר דוד

# דאס קעניג-ליד אין יהודה

נישט פון אונטערן אָקסן־געשפּאַן אַפּויער,
נישט מיט שווערע פויסטן פון יאָך און פון שטריק,
אונזער קעניג לייגט זיך אַ לאַס, שטייט אויף אַ לייב —
לעמער־סטאַדעס צוואָגן זיך קלאָר אין זיין בליק.

נישט פון האַרטן אַקער, נישט פון סנאָפּעס בינדן
זיינע צעוואַקסענע אַקסלען גרויס און ברייט,
אונזער קעניג, ווער ס׳האָט אים נאָר איינמאָל געזען,
איבערגייט אים דער בליק אַ לאָגל פול פרייד — —

די בערג קלעבן ווי זוימען אין זיינע קנעכל,
מיטן קריגעלע זון איז געזאַלבט זיין קאָפּ!
אונזער קעניג איז אַ הירט פון בית־לחם בערג,
לעמער ווערן מיר, קומט ער צו אונז אַראָפּ!

נישט ווייצן־גאַרבן געבונדן פון מידע הענט —
מיר זיינען נישט צום דרעשן און נישט צום פלאַם!
אונזער קעניג, ווען ער שטייט מיטן צווישן אונז
אַ סטאַדע אַרום אים טולען מיר צוזאַם — — —

נישט באַרעמהערציק, נישט צאָרנדיק נישט ג׳רעכט, נישט שלעכט, —
מיט פאָכנדיקן שווערד טוט ער וואָס ער וויל!
אונזער קעניג, אויף ווען ס׳רוט זיין טוליע־בליק,
ווערט ס׳צעשריגנסטע האַרץ טיף־פאַרטרוימט און שטיל.

פון מזל־טלה.

# דוד המלך

אַ לייב פון פעטן פאַנג אַ געזעטיקטער,
די גראַטשעס אין די לאַפּעס איינגעצויגען,
מנוחהדיק שטיל מאַיעסטעטיש רואיק
דער זשמור אַ צעפּאַטלטער איבער ד׳אויגען;

די צעשויבערטע גריווע איבערן קאָפּ,
ביז טיף איבערן הויערדיקן רוקן;
שלוהדיקע ליבלעכקייטן באַשטראַלן
פון צווישן לאַנגע ברעמען מילדע קוקן;

אַפילו די צונג פון מויל רויט־צעציטערט
עפּעס זי וואָלט זיך כסדר באַלעקן;
מיט האָניק־זיסקייטן זי וואָלט געטריפט,
די בלוטיקע גליווער צונג פול מיט שרעקן — — — —

אַזוי איז ער געזעסן דער קעניג דוד,
ווען דער נביא צו אים איז אַריינגעקומען,
ער האָט זיך טיף פאַרבויגן, אים באַוואונדערט,
און זיינע רייד צו אים רעדן גענומען:

„נישט דו קעניג וועסט בויען דאָס מזבח,
מקריב צו זיין דערויף אָקסן און רינדער,
צופיל האָבן דיינע הענט בלוט פאַרגאָסן,
ווען צומאָל פון שפּלע פּליתים־קינדער.

זיץ שטיל, קעניג, דיין בליק איז וואונדערלעך שיין,
איין באַוועג נאָר קאָן מיין נבואה שאַטן — —
ווי אַמאָל דיינע פינגער אין די סטרונעס,
גייט דיין בליק איצט צווישן די ברעמען־גראַטן.

קעניג, לייב פון יהודה און ישראל,
פון אונזער שונא פאַרצוקער און שינדער!
ביזט דאַצו פון גאָט אויסגעוויילט געוואָרן,
אָבער צו גרעסערס נאָך — דיינע קינדער!!

זיץ שטיל, קעניג, דיין אָנבליק איז הערלעך שיין,
איין ריר נאָר קאָן מיין נבואה צעשטערן — —
אייביק וועלן מיינע ווערטער דויערן —
אין דיין בליק אַצינד באַשאַפן זיי ווערן;

מזבח — קרבנות — — פאַרן שוואַכן נאָר —
שרעק פון זינד פון זיך צו קענען פאַרטרייבן — — —
קעניג, אַז אין דיין בלוטיקער שליחות
שטאַרק אַזוי און מעכטיק געקאָנט האָסטו בלייבן —
— — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען דער נביא איז אַרויסגעגאַנגען,
טיף זיך בוקנדיק שטיל און אונטערטעניק,
גאַנצע ערד געווען איז דער מזבח
און דאָס הייליקע לאָם דערויף — דער קעניג.

## דער קעניג דוד

2

דאָס פּאַסטוך־ייִנגעלע פון צווישן זיינע שאָף,
וואָס מיט זיין פייפל האָלט ער זיין סטאַדע צוזאַם,
נישט מיט בייזן הונט — זיין האַרץ גיסט ער אויס פאַר זיי
און זיי שווימען דערין ווי די כוואַליעס פון ים.

אַזוי איז ער געבליבן ביז זיין לעצטן טאָג — — —
אַלע זיינע טעג, — צומאָל אין ווילדסטן געברויז! —
טוליענדיקע שפּעלעך קלאַנגען, ווייסע,
וואָס גייען געבאָדענע פון די כוואַליעס אַרויס;

אויף זיין האַרץ האָט ער זיי צוזאַמען געפּיפן,
ווי אויף אַ געלעכערט פייפל דער פּאַסטוך טוט,
קיין איינציקער איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען,
דער שוואַכסטער נישט און נישט דער פאַרשייטסטער פול מוט.

אָ, צעכוואַליעטע טעג ביי ברעגעס זייערע —
פאַרדאַרשטיקטע לעמער וואָס ליגן אויף די קני!
און ווי באַראַנעס מיט פאַרפּלאָנטערטע הערנער,
דערשפּירנדיק אין סטאַדע די גלוסטיקע זי — — —

נישט נאָר דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ פון גליתן
האָט ער געטראָגן אויף שפּיץ פון געשאַרפטער שווערד,
זיין האַרץ, אויף אַלע זיינע פּגימה־לאָזע טעג,
צו צאַפּלען, פאַרבלוטנדיק, האָט נישט אויפגעהערט.

און ס׳איז דער ווייטער ווידער־קול ביז היינט צו טאָג,
אין יעדן האַרץ פון נקמה־פיבער פאַרצערט,
און די טיפע שטילקייט נאָך ווילדע שטורעם,
ווען פון גרויזאַמע שוואַכקייט צעריסן עס ווערט.

דער רציחה־הונט פון זיין סטאַדע ר׳איז געוואָרן,
אַרויסצוראַטעווען אַ לאַם פונם וואָלפס מויל,
און פונקט אַזוי איז געוואָרן זיין האַרץ דערמלט,
ווען זיין פאָלק איבערגעפאַלן דעם שונא׳ס גרויל —

ברענענדיקער צאָרן, דאָרן צעפלאַקערטער,
אַלע הערצער צוצינדן מיט נקמה־פלאַם,
האָט זיך זיין האַרץ פון ברוסט אַרויס אים געריסן — — —
אָ, און פון אונטער דער שער אַ דערשראָקן לאַם.

זיין בת־שבע׳ן אַקייגנגעטראָגן האָט ער׳ס,
אין תאוהדיקע נעכט, ווען לבנה ווערט פול;
האָט ער זיין קאָפּ אין איר שויס נישט צוגעוואָרפן,
אַן אויפגעשפּיזטן אויף איר בליק פון ליבע דול?

אין דער גלאָריע פון זיינע העכסטע נצחונות,
אַזוי אין די טיפעניש פון זיין חרטה־צער — — —
האָט מען ציילן געקענט ס׳געפינקל פון זיין קרוין?
פונקט אַזוי זיינע חרטה־טרערן, אין לשער;

אַ צעכוואַליעטער ים אין ווילדן שטורעם ווינט!
פון אַלעמענס אויגן זיי טריפן נאָך אַצינד — — —
זיינע טוליע־ווערטער נאָר נאָכשעפּטשענדיק בלויז,
יעטווידער מענטש דערלייזט ווערט פון זיין גרעסטער זינד.

און אויפוואַקסן ס׳וועט פון זיין וואָרצלדיקן שטאַם,
דאָס יינגעלע וואָס ציטערט מיטן לייב דאָס לאַם,
יענץ פאַסטוכל פון הינטער די שאָף אַפויר,
וואָס מיט פייפל זיינעם טוליעט ער זיי צוזאַם.

# דוד המלך דער זינגער פון ישראל
(אַ טריפּטיך)

## ערשטער פליגל

1

אַרויסגעריסן פונם לייבן־מויל,
אָבער אויף זיינע הענט ס׳איז אויסגעגאַנגען,
האָט ער פון זיינע צאַרטע ביעדרעלעך
אַ באַסטרונעט האַרפּל גענומען שפּאַנען.

זיינען די בערג אַרום און די טעלער
פול געוואָרן מיט ליבלעכסטע געזאַנגען,
ווען אין די שאַריענס דער שחרית־ווינט
איז אין די שעפּסל־סטרונעלעך געגאַנגען.

און ווען אַראָפּצוקאָלערן דעם שטיין,
אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט ביים ברונען,
און פונם לייב דערציילן גענומען,
האָט זיך צווישן זיי ס׳פּאַסטוכל געפונען:

„אויף מיר מן־הסתם, מיך צו פאַרציקן,
צוגעשלייכט האָבן דעם לייב׳ס שריט, אודאי,
איז אים אויף האַלב וועג אַקייגנגעאיילט
דאָס ליבלעכסטע שעפּעלע פון מיין סטאַדע.

„אַז נישט נאָר מיין לעבן געראַטעוועט,
ס׳האָט מיך געלערנט לאַשטשן מיין באַשערטע!
ווי האָט עס מיך געוואַרעמט אין די נעכט
און געטרייסט אין טעג, טרויעריק פאַרקלערטע.

„אייל איך אַקייגן, פריידיק און מוטיק,
דעם שטאַרקסטן שונא און די שענסטע פרויען!
מיט לעצטן פאַרגלאָץ נאָך פון די אויגן,
די ליבע ווי דעם טויט גאַנץ צו פאַרטרויען.“

און נאָך איידער אַראָפּ אים געקאָלערט
פונם מויל פון ברונען דעם שטיין דעם שווערן,
זיינען די סטאַדעס שטיל שוין געוועזן,
דעם האַרפּן געזאַנג שטיל זיך צו צו הערן.

אַ פּאַרטוליעטע דעם קעניגס טאָכטער
איז אין די נעכט צו אים אַרויסגעקומען,
דעם שווערן שטיין פון איר פאַרדאַרשטיקט האַרץ
מיט זיין האַרף־געלאַשטשע אַראָפּגענומען.

2

איז ער דער שטיינבאָק איבער די פעלדזן,
גאַנצע וועלט טראָגט ער אויף שפּיץ פון זיין האָרן;
פון זיין ליבע חלומען די פרויען,
זיינע פיינט ציטערן פון זיין גרים־צאָרן.

פון דער שפּיז, וואָס ווערט אים נאָכגעשליידערט,
ווערט דערשטאָכן דער וואָס האָט זי געוואָרפן;
איבער תהומות טראָגן אים פליגל,
גלייך גאָט אַליין וואָלט זיין לעבן באַדאָרפן — —

יאָ, צו באַוואונדערן זיינע וואונדער,
און פון זיינע גרויסקייטן צו דערציילן!
צו זיין לויף, זיין ווילדן פאַרוואונדיקטן,
האָט גאָט אַליין געטון אים אויסדערוויילן:

„זע, דעם תהום פון מיינע אויגן, גאָט,
אַ שעפּסל וואָס קאָן דעם וועג נישט געפינען,
כ׳בין דער פאַסטוך פאַרבלאָנקעט פון סטאַדע,
וואָס טיפסטער אָפּגרונד שוין איז זיין ענטרינען.

„פון דער ערשטער סטרונע פון מיין האַרפע
אַ שטיין־שליידער אַ מענטשן צו דערשלאָגן,
פון דער לעצטער אַ תליה־פּעטליע כאָטש
פאַר אייגן לעבן, נישט מער צו דערטראָגן.

„גאָט, ס׳געטוליע פון מיין האַרץ פאַר יעדן,
און פון יעטווידן ווי וואָל ס׳ווערט געשוירן!
און דער גרעסטער שונא פון מיין לעבן,
דאָס קינד מיינס וואָס מיין ווייב האָט מיר געבוירן“.

נאַר זייט יענעם טאָג, זייט דער נביא אים
פונם שעפּסעלע געַנומען דערציילן,
רייסט זיך אַ שעפּטשן פון אונטער זיין האַרץ,
פעלדזן־קוועלעכלעך מיט מורמלדיק איילן.

ווי אין טאָל פונקט ביי שטילע וואַסערן
ער וואָלט געַרוט ווידער מיט זיינע לעמער,
זיין האַרץ — דער געשלאָגענער פּאַסטוך הונט,
אַ צעוואָיעטער אין לבנה־דעמער.

## דאס מיטל־שטיק

1

ווען דאָס וואָיען נעמט הילכן אין די בערג,
באַגלייט ווי פון האַרפּעס פון שטורעם־ווינטן,
טוליען זיי זיך ווי שאָף דערשראָקענע,
פון ווילדע וועלף נאָכגעיאָגטע פון הינטן.

איבער די פעלדזן די טונקעלע וואָלקנס,
וואָל־געקרייזל, פון פּחד אויפגעשטעלטער;
מיט וועלפיש בלאַנקע ציין בליצט דער הימל
און די אייביק נייע מעשה דערציילט ער —

פונם בראַנד־אָפּער וואָס אָנגענומען,
אים אַליין אָבער האָט ברודער דערשלאָגן,
איז דער פּאַסטוך־הונט איבערגעבליבן
לבנה־נעכט אָנצופילן מיט קלאָגן:

יאָ, ס׳איז די אָפענע וואונד פון זיין האַר,
און דער מאַן מיט דער האַק טשאַטעט פון הינטן,
און תמיד קומט ער, אָבער און ווידער,
ביז ס׳בלוט פליסט איבער די טיפסטע אָפּגרונטן.

צוגעוואָרפן אַ ביין האָט דער מערדער,
און אויף אַלע פיר האָט ער זיך פאַרקראָכן — —
אָ, און ער וואַרט שוין זיך צו באַלעקן,
ווען ווידער דער האַר וועט ליגן דערשטאָכן.

אָ, וואָלט ער ביז צו הימלען אַרויף
זיין פאַרשאָלטענע צונג געקאָנט אויסשטרעקן,
און דעם לעצטן בלוט־טראָפּן פון זיין האַר — — —
ווי ווילד די פולע לבנה נעכט שרעקן — — — — —

ווען דאָס וואָיען נעמט הילכן אין די בערג,
באַגלייט פונם וועלפישן ציינער שאַרפן,
און קיין איין סטרונע נישט מער אויף זיין האַרף,
אַז דאָס שאַריען זאָל מילד אויף איר האַרפן.

בלייבט ער ליגן מיט תהום־אָפענעם בליק:
גאָט, איז דאָך כאָטש די שרעק אין אונז געבליבן!
אַז פאַר דיין וואָיענדיקן פאַסטוך־הונט,
דו האָסט מיין האַרץ אין דיין גנאָד אויסגעקליבן.
— — — — — — — — — — — — — — — — —

2

„ווי די פרייד פונקט פון די בערג־וואַסערלעך,
ווען די זון גייט אויף אין מילדן באַגינען,
אַזוי געוואַלטיק איז די פרייד אין מיר,
ווען ס׳בלוט פון מיין פאָלק איך שפיר אין מיר רינען.

„גאָט, פון מיין זינד, פון מיין נידריקסטער נאָך,
אַ דערהויבענער ביזט מיר אויפגעגאַנגען,
אויסגעהאַקט דיך מיט אַ שפּיציקן דלאָט,
פון מיין האַרצן אַרויס מיט מיינע געזאַנגען.

„נישט אַן אויסגעהאַמערטער פון גין־גאָלד
און נישט פון געהילץ־ווערק אַן אויסגעקריצטער,
ווי די נקמה אויף געשפּיצטן שפּיז,
ביזטו דו אין מיין געדאַנק אַן אויפגעבליצטער.

„זע, קינס־צייכן איז אויף מיין שטערן,
אַלע מענטשן קינדער פון אים מיר שטאַמען!
אָבער אין מיין ברענענדיקסטן געדאַנק
כ׳גיי אויף פאַר דיר, הבל׳ס שעפּסל אין פלאַמען — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

„דעמאָלט ווי גערשטן פּונקט אינם מעסטל
כ׳האָב אָפּגעמאָסטן צוויי דריטל צום טייטן,
געשפּריצט כ׳האָב ס׳בלוט פון די גערשטן קליִיבער,
ווען ס׳אַקער־אײַזן אויף שווערד זיי פֿאַרבייטן.

„ווען אָבער דאָס בלוט פון מיין פֿאָלק דערשפּירט,
האָב איך דאָס דריטל געמאָסטן צום לעבן — —
נישט פון די מענטשן — און נישט פון דיר, גאָט,
בעט איך דערפֿאַר פֿאַרגעלטן און פֿאַרגעבן.

דרעש מיך ווי מען דרעשט די גערשטן־זאַנגען,
כ׳וויס מיין דריטל אין מיר וועט אייביק בלייבן,
ווייל כ׳האָב דערשפּירט אין מיר ס׳בלוט פון מיין פֿאָלק
צו פֿילן די וועלט מיט גנאָד און מיט גלייבן.

„זע, קינ׳ס־צייכן איז אויף מיין שטערן —
טיף און שטייף אין די פֿאַלטן איינגעשניטן,
צאָל מיר גאָט פֿאַר מיין גוטס ווי פֿאַר מיין שלעכטס,
נאָר קיינמאָל גאַנץ נישט צו ווערן פֿאַרשניטן״.

3

אין אַ שליידער ס׳וואָלט געלעגן אַ שטיין,
אין ווייטסטן ציל־פּונקט געוואָרפֿן צו ווערן,
זעט אויס זיין קאָפּ אין די טיפֿע פֿאַלטן,
ברייט געקאַרבטע איבער געביילטן שטערן.

און אָט האַלט ער אים אין ביידע הענט שווין,
צו שליידערן און אינם ציל צו טרעפֿן;
וואָסער סוד פֿאַר דורות מוז דאָס ליגן,
אין אַזאַ האַלב־פֿאַרמאַכט אויגן־געעפֿן — —

שטיל ציטערן זיינע פֿינגער שפּיצן
אין דעם טיפֿן געקאַרב פון שטערן פֿאַלטן,
ווי זשעדנע זוכן זיי וואָלטן עפּעס
וואָס פֿאַר ווייטע צייטן ס׳ליגט וואו באַהאַלטן:

יאָ, דער יוסף־חלום, דער בלוטיקער,
אַלע גערשטן־בינטלעך צו זיך צו נייגן;
יהודה אָבער איז דער שטאָלצער לייב,
אַ לעמעלע זיך טוליענדיק צו לייגן.

עס בויערט דער זוימען טיף אין דער ערד,
אין צווייען זי צו טיילן און צו שפּאַלטן;
מיט בויערדיקע הערנער דער באַראַן
די סטאַדע אַזוי צוזאַמענגעהאַלטן — — —

ווי גוט ס'איז די שעפּעלעך צו זאַמלען,
מיט אַ פּייפל און מיט טוליענדיק האַרפן;
הינט אָבער אַז מ'מוז שוין אויף זיי העצן,
און ס'מעסער אויף שוואַכן שעפּעלע שאַרפן —
— — — — — — — — — — — — — —

פון נצחונות אַן אויסגעמאַטערטער,
זיצט דער הערשער פון ישראל אַ מידער,
זיין ברייט געקאַרבטער געביילטער שטערן,
צוזאַמענגעדרייטע הערנער פון אַ ווידער.

און די פּאַלטן אויף אים — דיקע סטרונעס,
אויפצוברומען געשפּאַנטע, פעסט און זיכער,
נאָר נישט פון נאָנט שאַריען ווינטל מער —
פון ווייט אַנפּליענדיקן ווילדן וויכער!

## צווייטער פליגל

1

און ווען אין זיין קאַלטער ציטערדיקער
אבישג'ס האַנט ער האָט ליבלעך געהאַלטן,
האָבן שטראַלנדיקע זיך אויסגעגלעט
אין זיין פּנים די האַרטע שטרענגע פאַלטן.

און ווען געקושט זי האָט זיין גרויען קאָפּ,
אַ מידער אויף איר אַקסל ר'איז געזונקן — —
ווי דורכן אַראָפּגעלאָזענעם אַש
עס רייסן זיך אַדורך די לעצטע פונקן.

האָבן מילד זיינע אויגן אויפגעקוקט,
דורכן זשמור פון די צעפלאָשעטע ברעמען;
זיין פאַרלאָשן האַרץ אַן אָנגעצונדנס
אין איר מיידליש רויטלעכן פאַרשעמען:

„וועל איך געפינען אַ ליבלעך וואָרט נאָך,
נישט אַרויפגעברענגט שוין אויף מיינע ליפּן?
אַז אין האַרעם מיינע פרויען שוין,
אַ סך מער ווי די צאָל פון מיינע ריפּן.

„נישט אַ ריפּ — פון האַרצן מיינעם
עס האָט דיך גאָט פאַר מיך אויסגעשניטן —
דאָס פאַרשטיינערטע האַרץ אין מיין לייב,
מיט אַ פּריש׳ס ער האָט צוריק אויסגעביטן:

„ווי וואַרעם דו פלאַטערסט אין מיינע הענט,
ווי די תפילה פּונקט וואָס איך האָב געבעטן!
פול איז מיין לייב מיט גוטסקייט און מיט פרייד,
זייט דו האָסט מיין שוועל אַריבערגעטרעטן״.

נישט קיין בייזער הערשער קיין קעניג מער —
ר׳איז ווידער ווי אַמאָל דער האַרפּן־זינגער!
איר שלאַנקער לייב, ווי פון כוואַלעס אַרויס,
אין טוליע־געציטער פון תאוה־פינגער — —

סטרונעס באַוועגן זיך אירע ריפּן
אויסצוגיין שיער פון אַזויפיל דערקוויקן — — —
נאָר ווי פון יענער שאַרף־געשפּיצטער שפּיז,
היט ער זיך פאַר אירע פאַרשעמטע בליקן — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

2

אין דער שייד איינגעשטעקט זיין שאַרפע קלינג
און זיינע ווייבער — אין די פרויען הייזער;
דערשראָקענע אַרום די שרים:
דער קעניג קניט — אַ קנעכט פאַר זיין אויסלייזער!

אויף זיין פאַרשפּיצטער פּלייצע, אויף אַ שפּיז,
ער וואָלט זיין אייגענעם קאָפּ איצט געטראָגן,
זעט ער אויס אין דרייען אַ געבוקטער,
אינמיטן זיין תּפילהדיקן זאָגן — —

אַ פּחד וואַרפט אָן אויף זיי אַלעמען
דער געשטרעק פון זיינע הענט זיינע אויסגעשפּרייטע —
אַ בלינדער מיט טאַפּנדיקע פינגער,
מיט אויגן, פאַרגלאָצטע איבערגעדרייטע:

„גאָט, דיין טיפן טרויער כ'האָב דערשפּירט,
ווי די פויסט פונם מעכטיקסטן באַצווינגער,
שטיי איך פאַר דיר, אויף וואַקל פון קניען,
פונם מינדסטן קנעכט טויזנט מאָל נאָך גרינגער.

„גאָט, אַ האַרף אין דיין שויס איז מיין לעבן,
צווישן די סטרונעס גייען מיינע פינגער,
ווי פון די לעמער דעמאָלט פאַר שאול'ן,
פון מיין פאָלק אַרויס כ'בין פאַר דיר דער זינגער.

„און ביז טרעפן אין ציל עס וועט דער שפּיז,
וואָס אין אונז אַריין האַלטסט אין איין וואַרפן,
כ'וועל שטיין אַ געבויגענער פאַר דיר, גאָט,
און מיינע פינגער וועלן פאַר דיר האַרפן—".

— — — — — — — — — — — — — — — — —

געוואָרפן דעם שפּיז שוין און געטראָפן,
גאָטס טרויריקייט דערפון איז אומגעהויער!
גייט זי — אַ פאַרגליווערטע האַנט,
אויפגעציטערט מיטן אייביקן דויער — — —

אָ, אַז דאָס האַרפן־געציטער אַצינד
רינט פון אונטער אונזער האַרצן אַפּויער,
צו שטילן גאָטס צאָרן איבערן מענטש,
און פונם פאַרפייניקטן פאָלק דעם טרויער.

# דאס קריגעלע בוימאייל
(באַלאַדע פון אַ לעצטן חשמונאי)

1

מיט די ליכטיקסטע שטיינער אויסגעפלאַסטערט
ס'איז דער עזרה־הויף פונדרויסן שוין געווען,
אַז אין גאַנץ ירושלים אין די נעכט,
ס'האָט איינער דעם צווייטן ווי בייטאָג געקאָנט זען.

אין געשייערטן קופּער פונם כיור,
און אין געהאַמערטן זילבער פון די ווענט,
שפּיגלענדיק אין זיי, ס'האָבן זיך די פרומע
מיט זייערע צניעותדיקע כלות דערקענט.

דאָס געוואָרקע פון יינגע טורטל־טויבן,
פונם קונציקן שטייגל־געפלעכט איבער קעפּ!
און דער בליקנדיקער מירמלשטיין געגלאַנץ,
הויך־אַרויפשפּרייזנדיקע ברייט־צעשפּרייטע טרעפּ — — —

פורפורנער פּרוכת און טעפּיך־געקניפּ,
אויסגעשפּרייט אונטער טראָט פון שעפּסן און פון רינד —
איבער הערלעכע פלוינען מ'וואָלט זיי געפירט,
צווישן פאַלטן צעפלאַשעטע מיט שטילסטן ווינט.

אָן יעדן מום, גאַנץ איז יעטוועדעס אבר —
שאָקלדיקע קטורת־קעסלען פול מיט ווייררויך!
נישט נאָר דאָס קרבן, נאָר דער מענטש, וואָס ברענגט עס,
אויפגעגאַנגען איז מיט זיין יעדן אָטעם הויך.

פון גינגאָלד און פון זילבער פון די כלים
די פיינסטערסטע מענטשן־אויגן — דימענט־געבליץ!
אין אַלעמענס הערצער ס'האָט אויפגעלויכטן,
דעם חושן דערזעענדיק, פון ציץ בלויז דעם שפּיץ.

דאָס אַלצדינג אין עזרה שוין אין חצר,
נאָך איידער דעם היכל, דעם הייליקן, דערגרייכט!
און ערשט דרינען אינם קדשי־קדשים,
פון שוועבנדיקע כרובים סודותדיק באַלייכט — — —

איבערן ארון ווי אַרויסגעוואַקסן,
פּנים־אל־פּנים אַזאַ שמייכלדיק געשוויג — — —
שלאַנק געבויגן אַזוי און שוועבנדיק לייכט,
ווי אויפצופליען מיטן אין זייער גענייג —

די צאַרטע צנועות אין דעם גינגאָלד־גלאַנץ שטאָלץ,
די ליכטיקייטן אַרויסשטראַלנדיק פון זיי — — —
ווי די אָנגעצונדענע מנורה גלייך
לייכטן זיי לעבעדיקע די כרובים די צוויי —

— — — — — — — — — — — — —

און דאָס אַלצדינג־אָ די מנורה, דער ארון,
די אַלע הערלעכקייטן זיינען נאָר געווען,
אַז ביים חרוב מאַכן ס׳בית־מקדש, דער פיינט,
ר׳זאָל דאָס היילִיקסטע אונזערס דעמלט נישט דערזען.

ביי אַזאַ ליכטיקייט פון גאָלד און זילבער
פון די קונציקסטע כלים אין דימענט־געשיין,
אינם פאַרבן שלל פון וואונדער־דיוואַנעס,
ווער מערקט אַן ערדן קריגעלע אין ווינקל שטיין ?

אויף טייערע חפצים און איידל־שטיינער
עס וואַרפט זיך דער רויבער און עס שטרעקט זיך זיין האַנט !
אַזאַ געפעסל פון געטרוקנטן ליים — — —
דער אָרעמסטער נאָך האָט עס אין זיין היים און לאַנד.

עס מוז שוין זיין פורפור און גאָלד פון אופיר,
זאַקרויב געברענגט פון ירושלים אַהיים,
אַז גלויבן מ׳זאָל יענעם געווען ר׳איז דאָרט !
נישט אַזאַ געפעסל פון געטרוקנטן ליים — — —

אָ, פון אַ פוס ס׳זאָל נישט צעטרעטן ווערן,
דאָס גרויסע נס מוז נאָר אינם אומגליק געשען,
איז עס דאָך, — דאָס גאַנצע בית-מקדש געביי ! —
די שייד נאָר פאַר דעם ערדענעם קריגעלע געווען.

און אפשר עס וואָלט צעטראָטן געוואָרן,
ווי פון אַ בער אומבאַמערקט ס׳ווערט צעקוועטשט אַן איי,
פון אַן אָדלער נעסט ס׳איז אַרויסגעפאַלן,
און גראָד מיט זיינע לאַפּעס דער בער גייט פאַרביי.

און אפשר עס וואָלט צעטראָטן געוואָרן,
ווען ס׳וואָלט נישט געווען דער קדשי־קדשים סוד:
פון גאָרער וועלט דאָס געלד און די דימענטן
איין טראָפּן אינם קריגעלע נישט די ווערט האָט — — — —

און אינם טומל פון טויט און צעשטערן
אויסגעשטרעקט צום קריגעלע ס׳האָט זיך אַ האַנט,
אומבאַמערקט פון קיינעם עס צוגענומען,
און באַהאַלטן עס אונטער זיין לייוונט־געוואַנט;

אַן אַלטע פאַרמאַטערטע, פאַרצערטע האַנט,
געשטראַלט און געשטילט אין יעטווידן איר ריר —
אַ טורטל־טויב פון יענע פאָרן,
וואָס זי האָט אויפן מזבח געברענגט אַן אַ שיעור;

אַן אַלטע פאַרמאַטערטע, פאַר׳צער׳טע האַנט,
יעטוועדער שטריך אירער פול מיט הייליקסטן סוד,
צו הויבן זי איבער וועלט און איבער מענטש,
מיט זאַלבונג און מיט בענטשונג — מיט הייליקסטן גענאָד —

— — — — — — — — — — — —

איז דאָך גוט אַז שפּעטער ערשט אויסגעשטאָכן
דעם געפאַנגענעם די אויגן זיינע מען האָט,
אַז נישט ווי געזען ס׳קריגעלע צו נעמען,
וואָס געלעגן אַזוי זיך ס׳איז אויף גאָט׳ס בּאַראָט.

2

האָט דען אַ שיעור צו דער אכזריות פון מענטש?
דאָס־אָ ס׳איז דעם תלינס גרעסטער תענוג געווען:
אויסצושטעכן, אויף אייביק בלינד צו מאַכן,
אויגן אַזעלכע וואָס האָבן אַזוינס געזען.

פון אַזאַ ליכטיקייט, אַזאַ גאָלד־געגלאַנץ
שטיין לאָזן אויף איינמאָל מיט פינצטערניש אין בליק —
טאַפּנדיקע חשכות, אַרום און אַרום,
אין זכרון שווינדלדיק ס׳פאַרשוואונדענע גליק!

איינמאָל נאָר איז דער טויט און פאַרגעסן ר׳איז — —
אַ קרבן אָבער מיט אַן אייביק צאַפּל,
איז שטיין לאָזן אַ מענטש מיט אויגנלעכער,
און איבער באַקן רינענדיקע שוואַרצאַפּל.

האָט דען אַ גבול די שלעכטיקייט פונם מענטש,
אַזוי צום מענטשנס גוטסקייט קיין גרענעץ פאַראַן!
אָ, דער ליכטיקער שמייכל אויף די ליפּן,
וואַקלדיק זיך טאַפּנדיק אַ בלינדער אין שפּאַן — —

אַ באַסטרונעטע פידל זיין לייב וואָלט געווען,
אונטער זיין לייוונט־געוואַנט גייען זיינע הענט,
אַ מעלאָדיע באַגלייט פון לווים־געזאַנג
דאָס האַרטע קייטן געקלאַנג פון זיין פיס־געפּענט.

אין מדבר אַרום אַ לעבעדיקער קוואַל —
די געפאַנגענע אַרום אים שטיל בלייבן שטיין!
צומאָל די שומרים־הינט, וואָס באַהיטן זיי,
זיינע רייד הערנדיק, דעם אָטעם האַלטן איין:

„... אַז זעעודיקע מיינע פינגער אַזוי,
מיינע אויגן דאָך געמוזט ווערן האָבן בלינד;
ס׳איז די גאַנצע פּראַכט נאָר צעשטערט געוואָרן,
אַז הערלעכער אין זיך מ׳זאָל זי טראָגן אַצינד.

וואָלטן מיינע הענט דען באַהיטן געקענט,
ווען נישט דאָס טוליענדיקע איצט וואָס איז אין זיי?
פון מיין בליק מ׳וואָלט דאָך אַרויסגעלייענט:
זענען דאָך סודות־פריידן שטאַרקער פון טיפסטן וויי!

אַ, אַז מענטשלעכער לייב געוואָרן די שייד,
ס׳לויטערסטע צו טראָגן אינעווייניק אין זיך,
איז גאַנצע וועלט דאָך דאָס קדשי־קדשים,
און יעדער מענטש צו ווערן געזאַלבטער משיח.

איז יעדער פון אונז נישט געבונדן קרבן,
און בראַנד־אָפּער, געהייליקטס, צו ווערן געבר־ענגט ?
ס׳איז דער כדור־הארץ מזבח אַצינד,
און אונזער בלוט אין אַלע פיר ווינקלען געשפּרענגט.

אָ, דער ליכטיקער ציטער אין מיינע הענט,
מיט היילונג מיט זאַלבונג און מיט הייליקסטן גנאָד — —
מיר אַלע צוזאַמען מיר זיינען אָצינד,
דער שטיל צעשעפּטשעטער קדשי־קדשים סוד —
— — — — — — — — — — — — — „

אַ באַסטרונעטע פידל זיין לייב וואָלט געווען,
אונטער זיין לייוונט־געוואַנט גייען זיינע הענט —
ס׳קריגעלע צווישן די פאַלטן באַהאַלטן,
עס צו טראָגן אַזוי אין אייביקן אָן ענד.

און אַרום און אַרום די געפאַנגענע,
נישט אין מדבר — אין מקדש זיינען זיי געווען !
און צווישן זיי אַצינד, זיי צו באַשיצן,
אַ כרוב אַ פלאַמעדיקן זיי וואָלטן געזען — —

איז עס בענטשנדיקע הענט, איז עס פליגל ?
אָ, די ליכטיקייטן וואָס שטראַלט פון זיי אַרויס,
ווי די אָנגעצונדענע מנורה גלייך,
וואָס באַלייכט יעדעס ווינקעלע האָט פון גאָטס-הויז.

אָ, די אויפגעהויבענע שלאַנקע אָרעמס,
די צעשפּרייטע פינגער איבער זייערע קעפּ !
די געהעמערטע מנורה־רערן גלייך — —
די בעכערלעך, די בלימלעך, די קונציקע קנעפּ !

שעפּטשען אין די אויערן מענטשלעכע ליפּן?
זיינען עס שטיל־פאַרשוויגענע מענטשלעכע רייד?
אַ הייליקער עגול אַרומגענומען —
פון אַ ווײַרויך־פאַן גייט אויף שטראַלנדיקע פרייד:

„אָ, דער ליכטיקער ציטער אין מיינע הענט,
מיט היילונג, מיט זאַלבונג און מיט הייליקסטן גנאָד — — —
מיר אַלע צוזאַמען, מיר זיינען אַצינד,
דער שטיל צעשעפּטשעטער קדשי־קדשים סוד.

אָ, אַז מענטש אַזוי געלייטערט קאָן ווערן!
ווייל מיר זיינען עס, די אויסדערוויילטע גראָד,
מוזן מיר צווישן די פעלקער די נידריקסטע זיין,
און צעוואָרפענע צווישן זיי, אויף גאָטס באַראָט —
— — — — — — — — — — — — —"

און ווען די וועכטערס זיינען צוגעקומען,
זיי ווייטער צו העצן מיט רציחיש געאייל,
מיט בייטשן געפייף איבער זייערע קעפּ —
שאַקאַלן טשאַטעס מיט הונגעריקן געהייל.

זיינען די בייטשן זיי אַרויסגעפאַלן
פון זייער אכזריותדיקן פויסטן־געבייל,
דערזעענדיק דעם בלינדן געפּאַנגענעם
אין זיינע הענט טוליענדיק דאָס קריגעלע אייל.

# א משיח באלאדע

פון די הרוגים אַרויס, פון די קופּעס מתים
ס׳וועט אויפשטיין איינער, אַ געהענגטער־געקעפּטער,
די האַק איבער דער פּעטלע — די בלינקענדיקע קרוין!
און די תּליה — זי וועט דאָס זיין זיין סצעפּטער.

און אין דער צווייטער האַנט, דער לינקער, די „קוגעל“ —
דער כדור־הארץ־קיילעך, דער גאַנצער!
מיט אַלע קלעפּ, מיט אַלע פויסטן איבער זיין לייב
ס׳איז אויסגעהאַמערט זיין גאָלדענער פּאַנצער.

זיין מאַנטל, זיין פּורפּורדיק געוועבטער,
פון לעבנס, פאַרבלוטיקטע, נישט דערלעבטע,
דער ווייסער הערמעלין איבער זיינע פּלייצעס —
נשמות אומשולדיק־אומגעקומענע, אויפגעשוועבטע.

אַ געזאַלבטער אין אייגענעם פאַרגאָסענעם בלוט,
זידיק־טריפנדיק פון אַלע זיינע גלידער;
די אָפּגעהאַקטע קעפּ צו זיינע פיס,
זיי זיינען דאָס געפאַלן פאַר אים אַנידער:

„דערלייזער אונזערער, הייליק געזאַלבטער,
די גאַנצע גאָרע וועלט מיט דיר צו דערלייזן,
מאַיעסטעטיש אַזוי, הימליש, משיחיש,
איבער שלעכטס פון דער ערד אַריבערצושפּרייזן“.

און די קופּעס מתים, די הרוגים אַרום,
בחנם געקוילעטע, געשאָכטן און דערשטאָכן,
שורה נאָך שורה זיי וועלן אויפשטייען,
מיטצושפּרייזן מיט אים צום לעצטן נצחון — — —

וואָסער שרעק ס׳וועט דאָס פאַלן איבער דער וועלט,
איבער אַלע מענטשן דעמאָלט דער געוואַלטיקער ציטער,
פון עק וועלט ביז עק וועלט ס׳וועט זיך ציען דער גאַנג;
יעטוועדער טראָט — אַ דונער אין אַ געוויטער!

דאָס ציק־צאַקעדיקע פונם ציענדיקן וועג —
אינם שטורעם דאָס כסדרדיקע אויפבליצן !
און דאָס בלענקען פון דער בלאַנקער האַק אין דער קרוין —
דער רעגנבויגן־צייכן, די מענטשן צו באַשיצן.

וואָסער פרייד ס'וועט דאָס פאַלן איבער דער ערד,
אויפגעלויכטן פון אַלעמענס באַגליקטע בליקן — — — —
אַלע דערנידריקטע, אַלע באַליידיקטע,
אין די לעבנס שטויבן שוין צו דערשטיקן,

אַלע געטראָטענע, אַלע פאַרקומענע,
אין פינסטערע תהומות שוין טיף אַריינגעפאַלן — —
אָ, די האָפערדיקע פריידן זייערע דעמאָלט,
אין דער ליכטיקער הייליקייט מיט אויפצושטראַלן — —
— — — — — — — — — — — — —

אויף די פאַרשעמטע פנימער ליגן וועלן די רוצחים,
מורא האָבנדיק די אויגן זייערע אויפצוהויבן:
אַז דאָס־אָ, מיט זייערע הענט זיי האָבן געטאָן,
דעם דערלייזער געזאַלבט מיט אייביקן גלויבן;

אַז דאָס־אָ, מיט זייערע רוצחישע הענט,
מיט זייערע העק, זייערע פעטלעס און תליות,
זיי האָבן די גינגאָלדענע קרוין אים אָנגעטאָן —
ווי זי בלינקט דאָס דורך זייערע פאַרמאַכטע וויעס ! —

אַז דאָס־אָ, מיט זייערע בלוטיקע הענט,
דעם פורפור־מאַנטל געהילט אַרום זיינע גלידער,
און די יללות און די געשרייען פון דעמאָלט —
אינם נצחון־גאַנג איצט די האָפערדיקע לידער — — —

פון עק וועלט ביז עק וועלט די ציענדיקע פרייד,
פון אַלע זייטן קומען אָן פרישע באַגלייטער !
ס'ציט זיך דער לעצטער נצחון-גאַנג, דער דערלייזטער,
אַלץ ווייטער און ברייטער און אויסגעשפרייטער.

און נישט רוצח מער און נישט מער געמאָרדעטער, —
נישט נידעריקער שקלאַף, נישט הערשער געבייזער;
אָ, אַז אזוי־אָ ס׳מוז קומען די גאולה פון מענטש,
אַז מיט אייגענעם בלוט געזאַלבט ס׳ווערט דער דערלייזער!

# משיח און זיין אייזעלע
(סאָנעטן)

1

וואַרט משיח פאַר די טויערן פון רוים,
פון די קייטן צו ווערן אויפגעבונדן;
די גרינדלעך איבער די פאַראייטערטע וואונדן,
דאַרע קאַרע איבער דעמבענעס בוים.

„קאָן נאָך גרעסערע „חבלי״ זיין — כ׳גלויב קוים!״
וואונדערן זיינע אויגן זיך און רונדן;
נישט פון צער מער זיינען זיי אָנגעצונדן —
זיי זעען דאָך מקוים ווערן דעם טרוים!

„כי־כי־כי״! הירזשעט ס׳אייזעלע זיינס אויף,
און קוקט קאָסאָקאָ צו אים זאַט אַרויף:
„ווי לאַנג צו גריזשען אַ גרעזל נאָר ס׳וועט זיין״ — — — —

הערנדיק דאָס האָט משיח שוין פאַרשטאַנען,
גרעסערע „חבלי״ זיינען נאָך פאַראַנען,
און צוזאַמענגעבראָכן אין גרויס געוויין.

2

און אַז געעפנט צוריק זיינע אויגן
ס׳האָט משיח אינמיטן זיין גרויס געוויין,
און געזען ער האָט דאָס אייזעלע שטיין,
איבער דער פעטער לאָנקע אַראָפּגעבויגן;

מיט לייב און לעבן אין גראָז איינגעזויגן,
אַן אויפגעציטערטער הויט און געביין,
האָט, ווי די קייט זיין לייב צום פעלזן־שטיין,
אַ גרויס דערבאַרעמונג זיין האַרץ פאַרצויגן:

אַז בלעם האָט זיין אייזל געקאָנט פאַרשטיין,
זאָל איך, חלילה, מיינס נישט משיג זיין?
וואָס ווייסט אַן אייזעלע מישטיינסגעזאָגט?

זיין גאַנץ גליק אַ האָבערל זאָל אים שטאַכן!
און דאָס געהירזשע איז עס דען אַ לאַכן?
אויף זיין מאוס לעבן עס האָט זיך צעקלאָגט.

3

ווייל אַן אייזל האָט שפּיציק לאַנגע אויערן
קאָן עס דאָך הערן צומאָל וואָס מען טראַכט,
בלייבט עס שטיין געטרייסט מיט אויגן פאַרמאַכט,
אינמיטן דער וועלט פאַרלאָזט און פאַרלוירן.

אָבער נישט אויף אייביק אַזוי ס'זאָל דויערן,
אַז פון זיין פאַרלוירענקייט עס דערוואַכט,
און איידער משיח אינגאַנצן פאַרשמאַכט,
ס'זאָל נאָך קומען געלאָפן פאַר די טויערן,

פאָלט דער שטעקן איבערן אייזלס לייב,
מיט בייזן געהעץ מיט ווילדן געטרייב,
ברענענדיק הינטער אים די פוילע שפּרייזן;

אַז אַן אויפגעוואַכטער פון די קייטן,
משיח זאָל זיך זעצן דערויף און רייטן,
גאַנצע וועלט פון יסורים אויסצולייזן.

4

שווימען די וואונדן ווייאיק און אָפן,
מיט טריפנדיקן אייטער און מיט בלוט,
און משיח'ס האַרץ, צווישן שפלות און מוט,
אויף כף-הקלע געשליידערט אין אין־סוף.

און ווען מרה-שחורהדיק איבערלאָפן,
די אויגן אַן עפן ס'אייזעלע טוט,
מיט בליקן אַזעלכע שטילע און גוט,
ווערט משיח'ס האַרץ פול מיט שרעק און מיט האָפן:

„אָ, דאָס סבלנות דיינס, אייזעלע דו,
און אין דיין בליק די פּערעקשנטע רו,
ווייס איך, אָנקומען דו וועסט פאַר די טויערן.

„נאָר אַ שוידער־גרויל טרעשטשעט מיין געביין:
וועל איך אויסהאַלטן ביז דו וועסט דערגיין?
וואָרים ווער ווייסט ווי לאַנג דיין גאַנג קאָן דויערן?"

5

און אַז בלעם׳ס אייזל האָט זיך צערעדט,
פאַרוואָס זאָל משיח׳ס אייזעלע נישט קענען?
און זיינע בליקן, צעפּינקלטע ברענען,
ווי ביי עפּעס אַ ווילדן לץ, אַ שד:

„כי־כי־כי, דו וועסט שוין אויסהאַלטן — עט!"
אַז ווער קאָן אייך אַלעמען דען דערקענען?
צי דו, צי די אַנדערע, ווער זיי זענען?
ווער ס׳האַלט נאָך די לייץ, דער גיט נישט קיין גלעט — — — — —

„די צוגעזאָגטע קומענדיקע צייטן,
רק אויף מיין רוקן ווילט איר זיי דעררייטן!...
כי־כי־כי, חבלי משיח, ׳פאַרשמאַכט׳...

דאָס קענען אויסהאַלטן, קענען דערטראָגן — — —"
נאָך עפּעס האָט ס׳אייזל געוואָלט דערזאָגן,
נאָר פּלוצלינג האָט עס די אויגן פאַרמאַכט.

6

האָט דען אַן אייזל אַן אַנדערע עצה,
ווי פאַרמאַכן די אויגן נישט צו זען,
צו יעטווידער חורבה טון אַ געגנען
און מיט גרויס תענוג געריבן די פּלייצע?

איבערן רוקן־קרייץ דאָס בייטש־געמלויצע — —
ווייס איך וואָס? ווי ס׳וואָלט גאָרנישט נישט געווען!
אַז סיי ווי סיי געשעט, וואָס ס׳מוז געשען,
מעלה גירהן דערווייל צוימל פון לייצע.

כי־כי־כי, נישט געריקרט זיך פונם שטעל!
גרינג וועט דאָך זיין דאָס שינדן פון דער פעל,
וואָס מערער די בייטשן איבער מיין רוקן — — — —

האָט דען אַן אייזל אַן אַנדערע ברירה,
ווי די עצה טובה זיינע די טייערע,
צו פאַרמאַכן די אויגן, נישט צו קוקן?!

7

זיינען נישט דאָס די גרעסטע חבלי־ליידן:
מיט אויגן אויפגעריסן גרויס און ווייט,
זיך אויפצוכאַפּן, און זיין שוין גרייט — — —
מיינענדיק מ׳פּיילט די רינגען פון די קייטן,

און דערזען גאָר דאָס אייזל פון דערווייטן,
דאָס צוימל זיינס מעלה גירה׳ט און קייט,
גריזשענדיק, אין אַ „כיכ״ען זיך פאַרגייט,
און פאָכעט מיטן עק פליגן פון די זייטן — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

„אָ״, צעוויינט זיך משיח אין גרויסן צער:
„איז דאָך גוט, פון אַלע וועלטן דו האַר,
וואָס האָסט מיינע הענט אין קייטן געבונדן, —

„אין זיין צער ווער קאָן פאַר זיך ערב זיין! — — —
אַליין חלילה, אין מיין חבלי־פּיין,
כ׳וואָלט נאָך פון אייזעלע די פעל געשונדן — — — —״

# א יהודה הלוי פראַגמענט

דאָס שטראַלן-פאַרזילבערטע זוניקע אַנדאַלוזיען,
פון דעם איינציקן וואָרט שוין דער קלאַנג,
ס׳איז פון הימלישע וועלטן דער כּאָר געווען,
מלאכיש פליגל־געציטער באַגלייט פון געזאַנג.

אַנדאַלוזיען, מיט דיין זינגענדיקייט, דיין שיינענדיקער,
מיט שטראַלן האָסטו געצויגן מיין האַרץ צו דיר!
נישט נאָר די שיינקייט פון דיינע פעלזיקע פלוינען,
פון דעם איין־איינציקן וואָרט ס׳איז אויסגעגאַנגען שיר.

אַנדאַלוזיען, ווי גלעקלעך באַהאַנגענע סטאַדעס שאָף,
וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון דיינע בערג צום טאָל,
אַזוי־אָ האָט דאָס וואָרט געקלונגען אין מיין אויער,
אַנדאַלוזיען, אַזוי ביזטו געווען מיר אַמאָל.

אַלע מיינע ווערטער, אַלע מיינע געדאַנקען,
אַ שייד זיי זיינען געווען צום קלאַנג פון דיין וואָרט,
אַזוי האָב איך געמיינט, אַזוי־אָ געגלויבט — — —
אַנדאַלוזיען, פון אַלע ערטער דאָס הערליכסטע אָרט.

אַזוי האָב איך געגלויבט, אַזוי־אָ געמיינט,
און צו דיין יעדן באַרג ס׳האָט זיך געהויבן מיין געמיט!
מיט ליכט־געציטער פון דיינע צעשאָטנטע טאָלן,
ס׳איז געווען פאַרטיפטער דער קלאַנג פון מיין ליד.

אַלע צילן, אַלע געפילן, דעמלט, אַמאָל,
געפלאַטער ווי אַ פאָן אויפן שפּיץ פון אַ שווערד!
געלויכטן איבער אַ לויף, אַ ווילדן־צעהירזשעטן —
אַ גזשיבע אַ צעפלאַשעטע פון אַן אַראַבישן פערד.

איך האָב געמיינט דעם שליף פון דיין שאַרפן קלונג,
אין מיין האַרץ צו האַלטן ווי אין אַ זילבערנער שייד,
שענסטע אַראַבעסקען איינגראַווירן דערויף
אַלץ וואָס געדאַנק אין מיר און אַלץ וואָס איז רייד —
— — — — — — — — — — — — — —

פון פאַרגאָסן בלוט אָבער, אומשולדיקן, אונזערן,
שטייען דיינע בערג אַציינד אַזוי גליאיק אין דער זון,
און דאָס וואָרט, דאָס שטראַלנדיקע — אַנדאַלוזיען! —
איך ווייס נישט מער, פאַרשטיי נישט מער דעם באַדייט דערפון.

אַלע דיינע שעפּעלעך ליגן אויסגעקוילעטע,
זייער כאָרכל־געבעט — פאַרלאָשענער זון־פאַרגאַנג!
און פונם וואָרט, פונם ווונדערליכן צעקלונגענעם,
אויסגערונען ס׳איז זיין זיסער, זוניקער קלאַנג.

ס׳איז פאַרלאָשן ווי מיין גלויבן צו דיר, ווי מיין פרייד,
ס׳ציטערט אויף מיינע ליפּן פינסטער און בלינד,
אַ שטיף־קינד, אַן אָפּגעגנאַרטס פון אַ פאַלשער מוטער,
אַזוי איז מיין האַרץ אין מיר צעריסן אַציינד.

אָבער אַז אַ קינד — מוז דאָך זיין אַ מוטער ערגעץ־ווו?
און ווען זי איז טויט — מוז דאָך אַ קבר ערגעץ זיין!
אָ, איך וועל פלאַפלען איר נאָמען מיט לאַכן און וויינען,
אַראָפּליינענדיק אים פון שטומען מצבה־שטיין.

איך וועל אים קושן, מיט מיינע אָרעמס אַרומהאַלדזן,
מיינע ליפּן, צעשעפּטשעטע, אויפציטערן מיט איר קלאַנג;
מיט יעדן אות פון איר נאָמען, מיט איר זיסקייט,
ביז מיין האַרץ וועט אויסגיין, אים ציען אַזוי לאַנג —
— — — — — — — — — — — — — —

ירושלים — — אַז אַ שטיף־מאַמע, אַ פאַלשע,
מ׳קאָן ליבן אַזוי, ווי כ׳האָב אַנדאַלוזיען געליבט,
ירושלים, מיין הייליקע דו, דו מיין עכטע,
פאַרלאָזן אַזוי און אייביק אַזוי באַטריבט.

בין איך נאָך ווערט אויף ליפּן דיין נאָמען צו נעמען,
פון אים צו טראַכטן נאָר בלויז, פאַרשוויגן, באַטריבט און שטום?
ירושלים, אין מיין בלוט צעפּלעטשערט, הייליק־ליכטיק,
אויסצוגיסן דיר צופוסנס אין מיין לעצטן פאַרקום —
— — — — — — — — — — — — — —

שטאַמלט אַ קינד נישט ווערטער אומפאַרשטענדליכע,
און „מאַמע מאַמע", ווען ס'זעט וואָס ס'איז פאַר אַ פרוי?
אָבער תמיד מיינט עס דאָך יענע, נאָר יענע,
וואָס אין אירע ווייען ס'איז געבוירן זיין ערשטער „אוי".

ירושלים, ביזט דאָס וויגן־ליד פון מיין האַרץ געוועזן,
וועסט זיין די וידוי־ווערטער אין מיין לעצטער מינוט!
אָ, ווי האָב איך דיך געקענט פאַרגעסן, דיך פאַרטוישן,
אַז דיין וויסטעניש — דער קוואַל געפּלעטשער אין מיין בלוט.

ווער בין איך דען, און וואָס מיין צעקלונגען וואָרט אין ליד?
אַ גלעקל־באַהענגט פון דיינע סטאַדעס אַ שאָף!
איך טראָג נאָך אין מיין וואָל דאָס בלאַנקע מעסער נאָך,
ווי יענער ערשטער שעפּס אויפ'ן וועג צום מוריה אַרויף.

ירושלים, דיך כאַרכעלדיקשטאַמעלדיק, דיך פלאַפּלדיק,
איז גאַנצע וועלט מאַמעדיקע טוליעדיקע שויס — —
צעליטענע־ליבליכקייט, ליידענדיקע צערטליכקייט,
שטראַלט דיין הייליקער נאָמען ליכטיקייטן אויס —

ווי געוואַלטיק, ווי גרויס ס'איז דיין בראָך, דיין טרויער,
אַזוי געוואַלטיק, אַזוי גרויס די פרייד וואָס פון דיר!
איז נישט יעדער צעקלינגטער קלויסטער אויף בערגל און טאָל
אַ גלעקל־באַהענגט שעפעלע פאַרבלאָנדזשעט פון דיין טיר?

דורך אַלע טיפענישן און פינסטערנישן אין מיר
וואַנדלדיק אַזוי צו דיר, וועלט איין און וועלט אויס — —
ירושלים, דיך כאַרכלדיק־שטאַמלדיק, דיך פלאַפּלדיק,
איך ווער הייליק, ווער ליכטיק, אַ צעקלונגען דיינס אָן אות.

אַזוי ברייט, אַזוי ווייט, ווי פון שטאָפּל צו שטאָפּל.
ווי אויף יענעם חלום־לייטער אין טרוים געזען!
אַזוי ציען זיך דיינע אותיות, ירושלים — — —
אַזוי אייביק ווייטער צו זיין ווי אייביק ביזט געווען.

ווי שטראַלנדיק, ווי זוניק פון העכסטע בערג אַראָפּ,
ווי טליענדיק־שאָטענדיק פון יעדן טאָל אַרויף,
זילבערדיק־צעשפּיגלט מיט ציטער פון יעדן טייכל,
און צום הימל צעשטרעקט מיט תפילה׳דיקן אין־סוף.

יאָ, פון הימלישע וועלטן דער כאָר אומעטום,
מלאכיש פליגל־געציטער באַגלייט פון געזאַנג,
און געקלאַנג אַזוי פון אַלע ווערטער אין איינציקן וואָרט,
ס׳איז דער עכאָ נאָר פון יענעם ערשטן מוריה־גאַנג.

# רבי דודל לעלעווער
## (די באַלאַדע פונם „חוזה״ס אויגן)

1

ווער האָט ר׳ דודלען אין לעלעוו נישט געקענט,
איינמאָל געברויכט צו זען נאָר זיינע אויגן;
דער גאַנצער פּאַרדרוס, אַלע פּאַרביטערנישן,
האָבן זיי פון האַרצן אַרויסגעזויגן.

ווי שפּילנדיקע קינדער האָבן די בליקן
אַרויסגעקוקט פון הינטער זיינע ברעמען,
און האָט מען צו זיי דאַנקענדיק אַרויפגעבליקט,
האָבן זיי זיך גאָר געטון פאַרשעמען.

און אַ גאַנצן טאָג געהאַט האָט ער וואָס צו טון:
דאָ עמער וואַסער פערד אונטערצוטראָגן,
דאָ אַ שכיב־מרע, אין די לעצטע מינוטן,
אַ שטיקל „מעבר־יבוק״ — אונטערצוזאָגן.

אין בית-מדרש, אויפן מאַרק, אויפן בית־חיים,
און ווו האָט מען אים נישט געטראָפן?
אַרויסקומענדיק פון שטעטל אויף דער לאָנקע,
זיינען אים די לאָשעקלעך נאָכגעלאָפן.

אַ פריילעכער מיטגעהירזשעט האָט ער מיט זיי,
ווי דעם „ברוך שמו״ מיט די חדר־קינדער!
דערזעענדיק אים, אינמיטן זייער געשלעג
צעקושט זיך דער שבת־גוי מיטן שינדער.

יאָ, בעסטע פריינט זיינען געוואָרן צווישן זיך
דער קצב מיטן מרוק דעם מנקר!
און ביי יעטווידן אָרעמען חולה אין שטוב
איז ער אי דער רופא, אי דער מבקר.

אַז אַ פּסוק תהלים לייגט זיך אים אויף דער צונג,
שטילט עס דאָס האַרץ ווי אַ קינדביים אָפּזויגן;
פּונקט ווי די ציִענדיקע „ד״ פון אחד,
גאַנצע מעת־לעתן וואָלט ער אים געצויגן.

ווען נישט דער צערווישטער מאַרק, וואָס רייסט אים איבער,
מיט פאַרדאָרשטיקטע פערד, מיט פאַרזאָרגטע יידן,
און מיט באַגעגענישן מיט אליהו׳ן
ווען ער דרייט זיך אַרום אויף די ירידן —

2

איבער האַרבסטיק פאַרגאָסענע תבואה־פעלדער,
איבער טייכן פון ווינטן צעאַקערטע,
האָבן אים געצויגן פאַרפיר־ליכטלעך ווייטע —
שוואַרצע אַפּלען רויכיקע, צעפלאַקערטע — —

די צוויי גליאיקע מענטשלעך וואָס אין זיי,
זיינען גרויס פאַר זיינע אויגן געשטאַנען,
ביז זיי האָבן אים אינדערמיטן גענומען,
און געשפּאַנט מיט קפיצת־הדרך שפּאַנען.

מיט איין שמע־ישראל פון לעלעוו ביז לובלין,
ווי אויף פלינקע אָדלער פליגל געפלויגן!
נאָך איידער ער האָט מיטן ד׳ פון אחד,
פעסט צוזאַמענגעקוועטשט זיינע צוויי אויגן — — — —

„ווילסט זיך רק באַהאַלטן הינטער דיין דודל,
און אויף מיינע פלייצעס אַלץ אַרויפוואַרפן!״
האָבן אים דורכגעשטאָכן דעם חוזה׳ס בליקן —
בלאַנק אויסגעשליפענע חלפים־שאַרפן:

„יאָ, צער בעל־חיים איז דאורייתא, דודל,
עלעהיי, אַ פויעריש פערדל אָנפויען!
כאָטש אַ פאַרמאַטערטער זיך צעהירזשען פאַר גאָט,
מיטן „למען תזכרו״ לאַנגען ז׳ן.

„כ׳האָב געשיקט נאָך דיר — ס׳איז אויף הימל אַ יריד!
נאָר אַליידיקער הענגט „מזל־דלי״־עמער — — —
דעם לעצטן עוקץ פון מיר שוין אויסגעזויגן,
און דער עולם אַלץ: „הב־הב — געמער, געמער!״

„איך קאָן נישט מער — שרעקלעכע געשעענישן
צעפלאַקערן שוין מיינע לעצטע בליקן,
און פון די רויך־זיילן, די אויפגייעדיקע,
זע איך די גאַנצע וועלט שוין דערשטיקן — — — — — — — —״
— — — — — — — — — — — — —

אָ, ער וואָלט פאַרברענט געוואָרן, ר׳ דודל,
פונם חוזה׳ס גליאיקע רחמנות־בליקן,
ווען ער וואָלט נישט זיינע, מיט „ד״ פון אחד,
געהאַלטן זיי אין איין צוזאַמענדריקן.

3

דער סמוטנער וועג פון לובלין צוריק קיין לעלעוו
ער האָט זיך לאַנג ווי דער גלות געצויגן,
און נישט ווי צוויי שמשים — שטרענגע שומרים
האָבן באַגלייט אים דעם חוזה׳ס צוויי אויגן.

וואָס זיינען ווערטער קעגן צעווינקטע בליקן,
ווען פונם קומענדיקן זיי דערציילן — — —
נישט הימל און נישט ערד מער — שאַרכנדיקע ביימער
ציען זיך וויאַנענדיקע ווייטע מיילן.

„גאָט״, האָבן זיינע הענט טרוקן זיך געבראָכן
אין אָסיען אַראָפּפאַלנדיקע צווייגן:
„ווי קאָן אַלצדינג אויף איינמאָל אַזוי פרעמד זיין
וואָס איז ערשט געווען אַזוי נאָנט און אייגן?״

ס׳האָבן אויףביידע זייטן טראַקט די לאָשעקלעד
מורא געהאַט צו אים נענטער צוקומען,
עפּעס האָבן אויגן פון אים אַרויסגעקוקט,
וואָס האָבן ביזן ביין אַדורכגענומען.

די פאַסטוכער ביי די באַדעלע-פייערן,
אים זעענדיק דאַוונען פונדערווייטן
האָבן דערשראָקענע געצלמט די פּנימער
און מיט „פאַן יעזוס“ געטון אים פאַרבייטן — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

ווער האָט ר׳ דודלען אין לעלעוו נישט געקענט,
פונם דיין, להבדיל, ביז צום בעדער,
אָבער אַ פרעמדער איז ער צוריקגעקומען,
אַז גאַנץ שטעטל געגאַנגען איז אויף רעדער —

אין די טאָרג־טעג נישט אַרויס ער איז אויפן מאַרק מער,
נישט פערד פּאַיען נישט אליהון באַגעגנען,
די שטוב זיינע האָט זיך שיעור נישט איינגעבראָכן,
פון פּדיונים ביי רבישן געזעגנען — —

„שלום עליכם אַ ייד!“ „פּאַרט געזונטערהייט!“
מער קיין וואָרט האָט מען נישט געהערט אים זאָגן;
נאָר זיינע אויגן, די צעווייַנקטע מענטשלעך,
העלפן יעדערן די צרות דערטראָגן.

4

נישט ווי אין די יריד־טעג — ווי אין די יאָרמערק
איז לעלעוו פול מיט אָנגעלאָפענע יידן;
פון אַלע עקן וועלט קומט מען אומעטיק אָן,
און מען פאָרט אַוועק האָפערדיק צופרידן.

מיט פּרנסה, מיט אַ זיווג פאַר אַ טאָכטער,
מיט אַ רפואה פאַר אַ חולה מסוכן — — —
„שלום עליכם אַ ייד! פּאָרט געזונטערהייט!“
מען ברויך נאָר זיינע אויגן אָנצוקוקן.

עפּעס ווי צוויי מלאכים, צוויי אָפּווינשנדיקע,
„אַלדאָס גוטס, אַלדאָס גוטס“, ווינקען די אַפּלען,
אַז דאָס פאַרביטערסטע געמיט, דאָס טרויריקסטע,
פריידיק האָפערדיק הויבט אָן אויפצוצאַפּלען.

„שלום עליכם אַ ייד !‟ „פּאָרט געזונטערהייט !‟
הערן נישט אויף זיינע ליפּן צו ברומען,
ווי אַ פּסוק תהלים, אַן איינגעחזרטן,
ווען דאָס האַרץ ווערט מיט אים אַדורכגענומען.

אויפגעריכט איז געוואָרן דאָס שטעטל לעלעוו,
זיך צעוואַקסן ווי אַ חלה אויף הייוון,
מיט אכסניות, מיט מלינות, מיט בעל עגלות,
און מיט אַ „הויף‟ מיט ישובים און מיט קרובים.

נישט ווי פּאַר אַ טאַרג — פּאַר „קערמיס‟, להבדיל,
פּאָרעט מען זיך דעם שבת צוצוגרייטן !
עס האָט זיך פאַרמאָסטן אַ שטעטעלע לעלעוו
מיט פּוילנס קרוין־שטאָט לובלין צו פאַרבייטן — —

וועגענער געשטאָפּטע פּאָרן אָן מיט חסידים,
ווי פליגן פון אַלע זייטן זיי הענגען,
און דער חוזה, אַ באַפרייטער פונם עולם,
ער גרייט זיך שוין צו משיחן צו ברענגען —

אַז ר׳האָט אַזאַ דודלען אויפזוכן געקענט,
דעם עול הגלות אים העלפן דערטראָגן,
וועט ער נאָך זיכער יענעם שם אויסגעפינען,
משיח זאָל קומען — בלויז אים אַרויסצוזאָגן — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

5

ס׳האָט דער חוזה מיט זיין הייליקער חבריא
משיחן פאַרן „קץ‟ נישט ברענגען קענען,
זיינען זיינע צוויי פלאַקער אויגן פאַר דער צייט
פאַרלאָשן געוואָרן, מיטן אין ברענען.

די חבריא זיינע אין אַלע פיר ווינטן
אַ צעפלאָשעטע און ווי רויך צעטריבן,
אין ר׳ דולס אויגן, מיט אחד פאַרקווטשטע,
אין דער פלאָם אויף אַ רגע נאָך פאַרבליבן.

נאָר ווען ער איז צוגעקומען צום „תזכרו"
און געצויגן דעם זיין דעם געדרייטן,
האָט ער מיטאַמאָל די אויגן אויפגעריסן:
נישט דאָ די צוויי וואָס פלעגן אים באַגלייטן!

נישטאָ די שומרים וואָס זאָלן מער באַהיטן,
די צוויי מלאכים „אַלדאָס גוטס" צו בענטשן!
און דרויסן פאַר זיין חדר „אָפּצופּערטיקן",
וואַרטן אויף זיין שלום טויזנטער מענטשן — — —

אַ פאַרדאַרשטיקער לאָשיק מיטן געהירזשע,
און עמער וואָסער מ'ברענגט אים צו טראָגן,
האָט ר' דודל איבערגעריסן פּלוצלינג,
אינמיטן פון „למען תזכרו" זאָגן.

אַ שרעק האָט אַרומגענומען דאָס „שלום־חדר"
די שטילקייט האָט מיט זעענישן געשראָקן — —
„נסתלק געוואָרן!" האָט ער זיך צעשריען,
שטייענדיק אויף דער שוועל אין בלויזע זאָקן.

„אַנטלויפט וואו די אויגן וועלן אייך נאָר טראָגן,
איך קאָן אייך שוין קיין „שלום" מער נישט געבן!
אַז דער חוזה מלובלין נישט געקענט פועלן,
וועלן מיר קיין גוטס דאָ נישט מער דערלעבן — — —

„אַנטלויפט יידן, פאַרט געזונטערהייט" — דעם ז'ן
פונקט ווי פון „למען תזכרו" געצויגן — — —
לעשנדיקע גלאָוונעס שטיקנדיק אין רויכן,
אין טרערן זיינע פאַרגאָסענע אויגן.

6

אין קרוין־פוילן ווער האָט דען לעלעוו נישט געקענט,
און ערשט נאָכן חוזה'ס נסתלק ווערן — —
זיין יאָמערלעכן: „יידן, פאַרט געזונטערהייט!"
פון אַלע עקן וועלט געקומען הערן.

אַ גרויל גייט איבערן לייב, הערט מען דעם געשריי,
די האָר אויפן קאָפּ שטעלן זיך קאַפּויער,
קיין שיך האָט ר׳ דודל נישט מער אָנגעטון,
קלענער און גרויער ווערט ער אין זיין טרויער.

„אַז ס׳האָט דער חוזה מלובלין נישט געהאָלפן — —״
גייט ער אין מאַרק אַרום אין בלויזע זאָקן,
אַ וואַרע מאַכן אים פויערים און באַבעס,
די פערד קוקן אַרויס צו אים דערשראָקן.

און נישט מער ער גיט די האַנט ביי שלום נעמען,
ביים געזעגענען נישט מ׳זעט זיינע בליקן,
ער האַלט זיי באַהאַלטן אונטער גרויע ברעמען —
פונקען און אַש וואָס מ׳קאָן נישט דערשטיקן.

און ווי „פריער״, אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג,
גייט ער אין די גאַסן אַרום צעטראָגן,
און „פאָרט געזונטערהייט!״ ווי אַ פסוק תהלים,
הערן זיינע ליפּן נישט אויף צו זאָגן.

און הערט ער וואו, נאָך האַלבער נאַכט אַ פערד וואו הירזשען,
כאַפּט ער זיך אויף אינמיטן זיין חצות׳ן:
„זאָלן האָבן כוח יידן אַרויסצופירן!״
איז וואָס פולער דער עמער אָנגעגאָסן — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

איז דער ייד הקדוש קיין לעלעוו געקומען,
אליהו הנביא באַגעגענען,
און דער רבי ר׳ בונים, און דער וואָרקער —
דעם עולם מיט יידן געזעגענען — — —

אַז אַזאַ שפע גיסט זיך פון פולע עמערס,
זיינען יידישע הערצער פול מיט האָפן,
בלויז זיין זון נאָר דערזעענדיק איינמאָל זיין בליק,
איז פלינק קיין ירושלים אַנטלאָפן.

7

„שטייט אַ בוים אין מיטן וועג, שטייט ער איינגעבויגן",
פון רעגן און ווינט די בלעטער צעשאָטן — — —
אין אָסיען האָט ר׳ משהלע דער לעלעווער
די ארץ ישראל ערד הייליק באַטראָטן.

ווער איז ר׳ משהלען נישט אַרויס באַגעגענען,
גאַנץ ירושלים געגאַנגען אים אַנטקייגן!
איז ער געשטאַנען און געדאַווענט מנחה,
אַן איינגעהילטער אין געוואַלטיקן שווייגן.

אַלע הונדערט טויערן פון „מאה שערים",
האָבן זיך אַ פּראַל געטון ברייט און אָפן,
אַריינגעפירט אין האַרץ פון ירושלים
האָבן אים פון מירון די למד־וואָוון.

און ווען אין דער „חורבה יהודה החסיד"
אויף זייערע אַקסלען אַריינגעטראָגן,
האָט ר׳ משה׳לע זיינע אויגן געעפנט —
אויפגייענדיקע צעפלאַמטע פאַרטאָגן — —

יאָ, דעם אָפשיין פונם חוזה׳ס פלאַקער־בליקן
האָט ר׳ דודל אים מוסר געווען — — —
שטייען אַרום אים די צפת׳ער מקובלים,
די רמזים פון זיי אַרויסצולעזן.

אַ צרוף, אַן אות, אַ רמז, אַ נקודה —
יעדער לויט זיין יכולת מיטגענומען!
און צוריק אין צפת, אין די היילן פון מירון,
צוזאַמענשטעלן דעם שם, משיח זאָל קומען — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

און די שפע זייט דעמאָלט אין „מאה שערים",
ממש מיט די פולע עמערס צו שעפּן — — —
און אונגאַרן־אשכנזים, פראַנקן־סאַבּרעס,
ביז אַרויף אין דער ניי־שטאָט, אויף די טרעפּן.



7

פון מויל צו מויל, פון אויערן צו אויערן,
איין מעשה האַלט מען זיך אין איין דערציילן,
פון עפּעס אַ שטעטל לעלעוו אין קרוין פּוילן,
פון וואו משיח וועט קומען צו איילן.

# אליהו הנביא אליהו התשבי אליהו הגלעדי
# במהרה יבוא אלינו עם משיח בן דוד
(צייט באַלאַדע פון אַצינד)

נישט אויף ירדן מער פערדלעך צו פּאָיען,
אַ פויערל אין שטיוול מיט שווערע שפּרייזן —
ס׳שלעכטיקייט פון דער וועלט אויסצוראָטן
ווידער מיט זיין שווערד גייט ער זיך באַווייזן.

ווי דער נחל קישון גלייך רויט פון בלוט,
פון די פאַלטשע נביאים איז געוואָרן,
וועט בלייך־פאַרשעמטער ירדן־טייך אַצינד,
רויט ווערן פון זיין צעצונדענעם צאָרן.

עס וועט זיך דער גאַנצער אייל אַראַביענס,
מיט אַלע זיינע לאַנגע גלות־רערן,
אין זיינע רייך פלאַקערדיקע צעגיסן,
ביז דאָס פאַלטשע אינם מענטש וועט אויפהערן.

אַז קיין ייד מער אויף ירדן נישט דאָ איז
וואָס האָט אַן אליה דאָרט נאָך צו זוכן?
ס׳איז דאָך נישט געווען אַליין דאָס פערדל,
ווי אָרעמלייט באַקליידן ג׳באַשוכן — —

ס׳איז דאָך די צייט נאָך דעמלט נישט געווען,
די פינסטערע וועלט ליכטיק צו דערלייזן,
האָט ער דאָרשטיקע פערדלעך פּאָיענדיק,
פאַרשטעלט זיך אַזוי, מענטשן צו באַשפּייזן.

אָבער אַז קיין ייד אויף ירדן נישט דאָ מער,
זיינען דאָך שוין געקומען משיח׳ס צייטן...
וועט ער דעם וואַסער־עמער פון אַמאָל,
אויף די איצטיקע אייל־רערן פאַרבייטן.

ווערן דען נישט ווי פון טייכן אַמאָל
פון אייל־רערן ברויט־מילן געטריבן?
ער איילט, ער קומט, במהרה בימינו,
פונקט ווי אין פסוק ס׳שטייט הייליק פאַרשריבן:

„במהרה יבוא עלינו — — — —"
זייינען עס דען נישט צייטן פון משיח׳ן ?
אַז פון איין אַטאָם, אויפגעבראָכענעם,
אַ גאַנצע וועלט באַקליידן און באַשיכן ?

וויפיל מיליאָנען „וואָלט" אין איין אַטאָם — — —
אַ וועלט ס׳קאָן זיין, מ׳זאָל זיך אין איר בענטשן !
און מענטשלעכע „פערד־קראַפט" פאַר שטיקעלע ברויט...
אָ, וואָס פאַר אַ רחמנות ס׳איז אויף די מענטשן — —

אָבער אָויב פון קנאה שנאה דער מענטש,
ווי אַ פערד גלייך אינם יאָך מ׳מוז אים צוימען,
אַז נישט איז זיין גאַנצע דערגרייכעניש,
גאַז־קאַמער גאָר און קרעמאַטאָריום־קוימען — — —

אָ, וואָסער רחמנות ס׳איז אויפן מענטש !
ווי בייטשן־געקנאַל אויף פערדישן רוקן,
די טראַנסמיסיעס, די רימענס, געקניפּטע —
דראָטן־געדרייטע עלעקטרישע צוקן —
— — — — — — — — — — — — — —

אָ, אין יעדן אַטאָם אויפגעבראָכן —
ס׳האַרץ ווי אין אַ ברונעם אין אים פאַרזינקן !
מיט פולע עמערס דערפון צו שעפּן,
מיט ליכטיקייט אַלעמען אָנצוטרינקן — —

נישט אויף ירידן מער פערדלעך צו פּאָיען —
אויף די גלעד בערג וועט ער ווידער שפּרייזן,
צעשפּיגלט איבער ליכטיקן ירדן,
מיט משיח בן דוד זיך צו באַווייזן.

אָ, עס וועט דער גאַנצער אייל אַראַביענס,
מיט אַלע זיינע לאַנגע גלות־רערן,
מיט וואָרט, זיין צעפלאַקערטן, אויפפליסן — —
וועלט אַ באַפרייטע, אַ וואָרע, וועט ווערן.

# כ׳האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט

## א שאטן-שניט

ניין, ס׳איז נישט אַ מאַנאַקל דאָס אינם אויג,
ס׳איז אַ ברען־גלאָז ס׳פּייקעלע אָנצוצינדן!
מיט רינגעלעך רויך, געטאַקטע, לעבן איבערצווינדן!
אַ מעסער אויף ביידע זייטן געשליפן — יעדער פאַרבויג.

יאָ, צייט איז געלד! און לעבן אָבער וואָס איז?
אַ קאַץ אין אַ מויז זיך איינגעזויגן, אויסגעזויגן,
אַ קאַץ אין אַ זאַק מיט אַ פּעטלע פאַרצויגן,
פאַר צייט און פאַר געלד נישטאָ איז קיין ביז!

רינגעלעך רויך וויקלען זיך און קייטלען:
וואָס איז שעקספּיר און שעלי און בייקן און ניוטן
און אַז אייגן האַרץ צומאַל וועט מוזן פאַרבלוטן — — — —.

ביבלישע פּסוקים גריזשען זיך זיסלעך ווי טייטלען!
„שיילאָק!" און דורכן מאַנאַקל אַזאַ ברענענדיק פאַרטרויען:
„מיר וועלן נאָך דעם באַרג מזריה אין אַ רעיאַלטאָ אויסבויען!"

## „נציב העליון"

נישט טיפקייט פון וואַלד, נישט אָפענע ערד,
איך האָב אויף מיין לייב די נעפּלען דאָ דערפילט!
נישט פאַרוואָרצלט ווערט מען — פאַרוויקלט און פאַרהילט!
צו אַהנען אַ מענטש דאָ איז מיר געוועזן באַשערט.

וואַהין זיי קומען זייער פאַטערלאַנד פאַרהאַן,
ווי מיר, טליתים, טראָגן זיי נעפּלען מיט זיך מיט!
אַ דריי אַהין, אַ דריי צוריק, ווי שמונה־עשרה־שריט
איז עקסעציר־שפּאַן, גליד צו גליד, מאַן צו מאַן.

פון דער טעמזע דאָ ביז צום טייך חדקל!
און פאַר וואָס נישט יידישער ווייצע קעניק?
אָ, ווי מיר קאָנען דאָס זיין אונטערטעניק!

ס׳האַרץ ווי אַ קאָמפּאַס טראָגן מיר אין דער האַנט!
אָ, ווי יענץ קעצל אין „טויזנט און איין נאַכט"־לאַנד,
וואָס באַהיט די מילך — געגנוגט דאָך אונז בלויז ס׳געמעקל.

**פון בוך לאָנדאָנער סאָנעטן.**

# אונא-קאנפערענץ אין לאנדאן

די צייט־באַלאַדע פון אַטאָם און אונענדלעכקייט

ווי מיט פּאַטראָנעס אָנגעלאָדן מיט פּאָרטפעלן,
און ווי מאַשינען־געווער פונקט קלאַפּן שרייב־מאַשינען,
נישט מענטשלעכע בלוט רינען אין די אָדערן —
זידנדיקע אויפטליענדיקע פּעטראָליום־מינען.

אויף טויזנט פלינקע רעדער גייען זייערע הערצער,
עס איז יעטווידער קאָפּ אַ שווינדלדיקער פּראָפּעלער,
ווי טראַנסמיסיעס פּראַלן קאָמיסיעס אין די זאַלן,
טאַנצנדיקע קאַדרילן אויף מאַסקעראַדן בעלער.

נייך, נישט פון יענע גין־גאָלדענע טעמפּל־כּלים
ווערט געשיכורט דאָ איצט און מבושמדיק געזאָפּן —
איבערשוימענדיקע בעכער — זייערע שיידלען,
פול פּאַלטשע כיטרע און מיתה־משונה־בלאָפן.

נישט שיכורלעך־איבערלאָפּן פינקלען די אויגן,
פון אַלטע ווייַנען און שטאַרקער מיקסטור געטראַנקען —
מיט טעלעפונקען ווינקען בליקן זיך איבער!
אַטאָמען אויפצוברעכן מישן זיך די געדאַנקען!

אָבער האַנט אויף וואַנט, איבער קעפּ מבושימדיקע,
איז ווי אין בלשצר׳ס צייטן די זעלבע געבליבן,
נאָר נישט מיט קאַלך־אויוון־סאַזשע געציילטע ווערטער —
מיט קרעמאַטאָריום־קוימען־רויך האָט זי איצט געשריבן:

„זיי וועלן פאַלן פון אייערע בלוטיקע הענט,
די אַטאָם־באָמבעס און וועלן אויפגעריסן ווערן,
איר וועט זיך אַזוילאַנג רייסן איינער מיט צווייטן,
ביז די געוואַלטיקע קנאַלן וועלן זיך דערהערן.

זע, עס איז סיבה ומסובב און עס איז קאַוזאַל,
אַז די רויכן פון אָשוויץ קרעמאַטאָריום־קוימען,
אויפגעקייטלטע אין רינגלעך אויסגעלייטערטע,
אין צייט אַראָפּצופאַלן, זיי זאָלן נישט פאַרזוימען.

יאָ, דעם גייסט פון דער וועלט קאָן מען נישט „אונא״נירן,
ווי לאַוועס ברעכט עס אויס, זיך אַליין צו פּאַרטיליקן!
אַזאַ הייליק אויפגעגאַנגענער קרבנות רויך,
אָן מתודה זיין זיך, קאָן גאָט אים נישט באַוויליקן.

גריבער פאַר מיליאָנען צו קבורה נישט געבערענגטע —
גרויסע קראַטער־קברים וועלן אויפגעריסן ווערן!
ווען אייער ווידוי, לעבעדיקע באַגראָבענע,
וועט ערשט זיין דאָס מתודה זיין, וואָס וועט זיך דערהערן — — —

נישט זיך פּאַרטיידיקן, נישט אומשולד צו באַווייזן,
קאָן רויכערדיקע נקמה־דאָרשט אין מענטשן שטילן,
דאָס אומזיסט פאַרגאָסן בלוט, ס׳מוז האָרץ עס אויסגיסן,
אַז אָנגעפילט ס׳זאָלן ווערן מיט געלייטערן ווילן — — —״

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נישט ראַדיאָ־הילכערס מיט פּאַראָלן און פאָרמולעס,
נישט סטענאָגראַפיש־איבערבליקן איינער מיט צווייטן —
פונם קרעמאַטאָריום־אויוון אַרויס אַ דניאל
מ׳מוז שוין אַרויסנעמען, ער זאָל די ווערטער אויסדייטן.

## ביי דער אנגלא־אמעריקאנישע קאמיסיע

דאָרטן האָט מען דעם קרבן מיט געזאַנג געשאָכטן,
און דאָ פּאַלמעסן זיי אים מיט פּסאַלמען־לידער — —
כ'האָב געזען איינעם ווי ר'האָט די הענט זיך געריבן,
און זיין גאַנץ פּאָלק מיר געוואָרן ווי דערווידער.

(איז דאָך פּאַר אונז געגנוג געווען, נאָר יחידים,
אַז דערלעבן מיר זאָלן אונזער מערכה:
ווען איין ייד טויג נישט, טויג דאָך שוין אונזער גאַנץ פּאָלק נישט!
דערפּאַר בעט איך מוחל זיין מיר, מיין הנחה...)

ווי קלוגיטשקע, ווי כיטרע ער האָט דאָס אויסגעפּרעגט,
און דאָס אַרויסבאַקומענע, פלינק פאַרשריבן — —
ר'וואָלט איבער קעפּ מיט אַ שווערן האַמער געשלאָגן,
האָט ער דערנאָך מיט גענוס די הענט געריבן.

צו זיין אַ מבין, אויף דעם מין אין־הענט־זיך־רייבן,
מ'מוז גאָרנישט זיין אַזאַ געוואַלטיקער קענער,
און וויסן, אַז נייע קדושים וועלן צוקומען,
צו דעם געהייליקטן יוסף חיים ברענער.

אפנים, עס פּאַסט זיי נישט, די בייבל־ליבהאָבער,
אַז די קדושה פון הייליקן לאַנד זיין זאָל מינדער,
ווי די הייליקגעוואָרענע ערד פון חוץ־לארץ,
אָנגעזאַפּט מיט בלוט פון זקנים און קינדער...

אינדערהיים די ערד דאָרט מיט הרוגים צעאַקערט,
און דאָ פּאַלמעסט מען אונז מיט פּסאַלמען־געזאַנגען — —
פון אַועלכע זיך רייבנדיקע ידי־עשו,
וואָס שוין דערוואַרטן און גוטס עפּעס פערלאַנגען.

## 1. „די חלוקה יידן"

זיצן זיי דאָרטן די „חלוקה־יידן",
ווי אַרום אַ נייער כותל מערבי וואַנט,
ר״יסן זיך בחנם די העלדזער נעבעך
און שטרעקן אויס אַ פאַרשעמטע נדבה־האַנט.

וואָס וועט מען זיי שוין אַריינוואַרפן דאָרטן,
אַפילו צומאָל נישט אויף „ר׳ מאיר בעל הנס" !
אַז אונטער דער תציל ממות פושקע
טשאַטעט אַ רוצח גאָר אויף אַ נייעם מת.

ווי גרויס זי איז דאָס געוואָרן די פושקע,
אַז אונטער איר אַזאַ גרויסער מערדער ס׳קאָן שטיין !
אָ, נישט אויף דער געבליבענער כותל מערבי —
אויף די „חלוקה יידן" ס׳נעמט אָן אַ געוויין.

## 2. „די באזעלער בריק"

דער שמייכל דעמאָלט, דער צעשטראַלט צעגלעטער,
אַסיריש קעניגלעך צעקרעמט אין באָרד אַריין :
מיט אַלע פעלקער צוגלייך אַ זיגער פאָלק,
איבער דער אייזערנער בריק אַריבער צוגיין !

דאָס בילדל דעמאָלט,דאָס אָפגעמאָלענע,
מיטביידענע אָרעמס אויף דער פעסטער פאַרענטש־בריק — —
איך וועל׳ס קיינמאָל נישט פאַרגעסן, דאָס בילדל,
און נישט דעם שטאָלץ אין מיין אויפגעריסענעם בליק.

איך וועל אָבער אויך נישט פאַרגעסן קיינמאָל,
מיין טאַטנס שמייכל דעמאָלט ברייט אין באָרד אַריין :
אָ, אַז מיר זאָלן אַריבער בשלום,
מוז שוין די בריק דוקא אַ פאַפירענע זיין...

## 3. דער „ווייס פייפער“

אַז וויאַזוי קאָנען אַריבער די בריק,
אַז צו דעם בלוטיקן ים ס׳קומט גאָר נישט קיין עק,
און איז דען אַזויפיל אייזן פאַראַנען,
אַ בריק אויפצובויען צו דערגרייכן אַ ברעג ?

נישט אויף דער בלאָפערישער דעקלאַראַציע —
עס איז שוין פיל „זיכערער דאָס ווייסע פּאַפּיר“ !
אָ, אונטערערדיש זיך גערײַטעוועטע
קאָנען אויך גאָר אָנקומען דורך אַ הינטער טיר — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

קאָן מען דען ציילן די טראָפּן פונם ים,
פּונקט אַזוי צום כיטראַקס חניפישדיקן בלאָף,
זיין אמתן פּרצוף ערשט ווען ער באַווייזט,
נעמט ערשט צו זיין פאַרשטעקטער רציחה אַ סוף.

## „ביבל״-פסוקים...

וואָס ברויכט איר נאָך איצט, מיט פאַרדרייטע מיילער,
קייען באַ׳טעמ׳טע ביבל-ציטאַטן?
מיט אַ קיי-טאַבאַק-שפריץ, פון אַ ווינקל ליפּ,
אַרבעטן פלינקער הענט פון פיראַטן...

אײן דריק ביים קנעפּל, איר ווייסט דאָך ביי וועלכן,
און גאַנצע לענדער אויף שטויב צעפלויגן!
אפשר פאַר שיילאָקן, אַ פּסוקל זיינס,
קאָן עס נאָך אים צו עפּעס וואָס טויגן;

ביים שאַרפן אַ מעסר אויף זויל פון שטיוול
איז גוט אַ פּסוק אונטערצוברומען,
אפשר דערוויל, ביז וואָס און ביזקעלע ווען,
וועט שטאָט אַ מענטש — אַ שעפּס אונטערקומען!

אָבער אייך מיט באָמבעלע אויטאָמאַטיש,
וואָס טויגן נאָך די ביבלישע פראַזן?
פון איין קוועטש ביים קנעפּל הונדערט מיליאָנען,
נישט זעקס — מיט קרעמירן און פאַרגאַזן — —

און נישט יענע, מיט די ווידוי-געשרייען,
אַ מענטש צו פאַרמוטשן און צעמישן...
דעם גאַנצן אָריענט, פון כוש ביז קאַלקוטאַ,
אין „איין שמע ישראל״ שוין אָפּצווישן!

יאָ מיט פרעמדע לאַנץ-קנעכט-הענט איז גוט געווען,
אינם קרעמאַטאָריום אַש צו שאַרן,
אָבער יעצט מיט באָמבעלע אויטאָמאַטיש,
אַליין צו ווערן אויבער-מענטש-האַרן,

ס׳קאָן אַ פּסוק גאָר, אַ פאַרדרייטער אין מויל,
אַרויס מיט אַ שפּריץ, מיט אַ ירגזון,
און געגנזפיסלדיק שטיינבלייבן וועט וועלט,
שטאָט אַטאָמיש צו ווערן צעבלאָזן — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

די ביבלישע פּסוקים לאָזט זיי אונז איבער,
אָ, מיר קאָנען זיי נאָך גוט געברויכן!
וואָרים ביז וואָס ווען, מ׳קאָן נאָך ווידער אַמאָל,
אויפגיין דערוויל אין קרעמיריום־רויכן.

## א, איך האב אזויפיל געווײנט אין יענער נאכט

אָ, איך האָב אַזויפיל געוויינט אין יענער נאַכט,
ווייל וואָס האָב איך מער דען ווי מיינע טרערן,
וואָלט איך אַ ביקס געקאָנט האַלטן אין מיינע הענט,
כ׳וואָלט דעם „הויראַ״ מיטגעטאַנצט, נישט אויפצוהערן —
איידער אין גאַז־קאַמער ווידער ווי שאָף צו גיין,
פאַלן בעסער מיט געלאָדענע געווערן.

אָ, איך האָב אַזויפיל געוויינט אין יענער נאַכט,
גייט עס טאָקע אַצינד שוין מקוים ווערן,
אָדער האָט מען פאַר אונז אַ פאַסטקע צוגעגרייט,
איצט אונזערע לעצטע דאָרטן צו פאַרצערן?
יאָ, אינם בלוט־באָד וואָס איר האָט צוגעגרייט דאָרט
וועט איר אַליין דערינען דערטרונקען ווערן.

אָ, איך האָב אַזויפיל געוויינט אין יענער נאַכט
און ווען ס׳איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן,
בין איך צוגעגאַנגען צו יענעם שטילן מאַן,
וואָס האָט גענומען די שטילע גאַסן קערן,
און נאָך שטילער כ׳האָב גענומען צו אים ריידן:
„דו, ס׳קאָן דאָך יעדער גוי אליהו ווערן.

„זע, איך האָב דאָך אַזויפיל געוויינט אין דער נאַכט,
באַשפּרענקעלט כ׳האָב די גאַסן מיט מיינע טרערן,
און קאָן מען דען עפּעס אַנדערש אין אַזעלכע טענץ,
דאָ אין די גאַסן ווי משיח׳ס טריט דערהערן?
אַז מיט אַזאַ פרייד די הערצער פון די קינדער
צו זייערע טאַטעס טוען ווידערקערן — —

„זע, איך האָב דאָך אַזויפיל געוויינט אין דער נאַכט,
יעדער טאַנץ־שפּור פול נאָך מיט מיינע טרערן;
דו וועסט דאָך נישט ביידע זיי פון די גאַסן דאָ
מיט דיין שטייפן בעזעם ווי שטויב זיי פאַרקערן״.
און ווען ר׳האָט אויפגעהויבן די אויגן צו מיר,
שפּעלטלעך שמאָלע צוויי אין צעפלאַצטע אייל־רערן:

„אַזעלכע „הוירא׳״־טענץ אויף די גאַסן דאָ,
אויף לויף־בענדער איבער דרייענדיקע סקווערן,
אינמיטן געיעג פון די מיליאָנען רעדער,
צאָן אין צאָן איינגעביסן זיי מוזן ווערן — —
און דאָס שמירנדיקע אייל אויף ראָד און רעדל
טריפן אָן אויפהער דאָ די גליאיקסטע טרערן״.

אָ, איך האָב אַזויפיל געוויינט אין יענער נאַכט,
אַז גאָט אַליין וועט מיך שוין מוזן דערהערן!
און אויב גערעכטיקייט עס איז דאָך פאַראַנען
די בערג פון יהודה וועלן עס געבערן — —
די שלעכטיקייטן פונם גאַנצן ערד־קיילעך,
אַ גאָלדענער אַטאָם פול מיט צעשטערן!!

אָ, איך האָב אַזויפיל געוויינט אין יענער נאַכט,
ווייל וואָס האָב איך מער דען ווי מיינע טרערן — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

# נעפּל־מיראַזשן

(פּאַר איר)

1.

אויף מיליאָנען רעדער דרייט זיך די שטאָט,
אַ קונציק שפּיל אַזאַ פאַרן טיוול;
אין נעפּל די אויפגייענדיקע זון,
פון אַ ראָד אַרויסגעפאַלן שרייפל.

ווילדער דולער דרייט זיך מיין קאָפּ, און איך
פון אַ רעדל אָנגעפּלאָצטער רייפל —
אַ דולה רינה ליגן געבליבן,
באַזיגט פון לילית און פון טייפל.

2

אַז קיין איין טיר כ׳האָב נישט דאָ אין שטאָט,
אָנצוקלאַפּן צומאָל ווי אַ בעטלער,
און אַ געקרייציקטער איינגערעמטער,
הענג איך אין האַרץ פון מיין אויסדערוועלטער.

אין איר קניענדיקער מאָרגן־תפילה,
מיין נאָמען דערמאָנט אויף אירע ליפּן,
רייסט מיך אויף אינמיטן שווערן חלום,
מיט פויסט אויף האַרץ אין ווילדן צעכליפּן —

3

כאַפּ דיך אויף פון מיין אַנגסטיק צופוסנס,
נישט ביי בועז ביזט דו אין זייין שייער!
איך, דיין מחלון, בין לעבן געבליבן,
פון מיליאָנען געגאַנגען אין פייער.

און קראַנקערהייט נאָך כ׳וועל מיך אָנגורטן,
מיט נקמה מיט שאַרפער, מיט בייזער:
אַז פון אַ רות אַ דוד געבוירן —
קומט אַרויסעט אַ יויזל־דערלייזער — — — —

4

דו, אַז פֿאַלש דײַנע פּאַטשאַרדז־פּאַטשערקעס,
וואָס העלפֿט דאָס שנירל און דאָס שלייפֿל?
מײַן קאָפּ שוועב־אויף פֿון דײַן פֿינגער־פֿאַרפֿלעכט,
אַ רינגל־רויך אין נולן געכפּל — — —

אָ, אַ שאָקלדיקע ווײַרויך־קעסל
הענגט אַ קופּערנע די זון אין נעפּל,
די לעפֿלעך איבער מײַנע שוואַרץ־אַפּלען
פֿאַלן צו אין דײַן טרערן־געפּרעפּל — — —

5

און אַז ס׳לעבן אונז בײדע פֿאַרבונדן,
וועט דער טויט שוין מוזן אונז צעשײדן,
שווערדן אויף בײדע זײַטן געשליפֿן,
טראָגן מיר זיך אַרום ווי אין שײדן.

מיט יעדן האַרץ ציטער ציטערן זײ אויף,
אונזערע בליקן — בלאַנקען די שליפֿן!
און יעדער פֿאַלנדיקע שווערע טרער —
אויף שלײף־שטײן די טראָפּן וואָס טריפֿן.

6

זע, כ׳בין אָנגעגאָרט צו קאַמף, צו האַרטן,
מײַן בײניקער גוף מײַן שטײפֿער פּאַנצער;
און ווען שטאַרקער ווי דער טויט די ליבע —
מוז דאָס זײַן אַצינד מײַן כּוח מײַן גאַנצער!

און אויב פֿאַלן די ערשטע וועלן מיר,
וועט דאָס אויך זײַן דער ערשטער נצחון;
און געהערן דער זיג וועט אונז בײדע,
ווײַל פּונקט ווי דײַנס איז מײַן האַרץ געבראָכן.



8

## 1. די קליינע צייט-לידלעך

1

נישט ווייל בעסערע פון די אַנדערע,
זיינען מיר צווישן פעלקער אויסדערווילט —
ווילאַנג איין האַנט אונזערע זיך אויסשטרעקט,
איז זי מיט גערעכטיקייט בלוטיק געביילט.

יאָ אַ פאָלק אַ קשי־עורף, זיינען מיר,
אין אונזער נאַקן טעמפּט די שאַרפסטע האַק!
מיטן לעבן מיר זיינען אויסגעשטעלט —
נישט מיט אַן אונטערגעשטעלטער צווייטער באַק!

2

זעקס מיליאָנען פון אונז אויסגעקוילעט,
און געשטעקט איצט דאָס מעסר אין אונזער האַנט,
מיט לעצטן געבליבענעם אונזער בלוט,
אָפּצוווישן פון זייערע הענט די שאַנד.

איז דאָך גוט אַז זיי האָבן דאָס מעסער
אין אונזערע הענט אַצינד אַריינגעשטעקט:
נוקם צו זיין זיך פאַר אַלע יענע,
ווי שאָף צו שחיטה די העלדזער אויסגעשטרעקט.

3

ווייל פון נקמה פאַר צוויי געהענגטע
דאָס בלוט אין זיי אַזאַ רציחה־געזיד,
דערפאַר נאָך אַלץ אין זייערע תפילות
קניען זיי מוזן פאַר איין געהענגטן ייד.

יאָ, אַז פאַר אונזערע זעקס מיליאָנען
פאַר אָפּגעטער ווידער נישט קניען מען זאָל,
דערפאַר בלוטיקע נקמה אין אונז,
אָ, די מינדעסטע נקמה כאָטש צומאָל.

4

„איך בין אין טרעבלינקע נישט געוועזן“,
און אויף אַזאַ פּליטים שיף כ׳בין אַצינד נישט,
פון האַס אָבער וואָס אין בליקן דערזען,
פאַרטשאַדעט מיין קאָפּ מטושטש און צעמישט.

„איך בין אין טרעבלינקע נישט געוועזן“,
און נישט אויף אַזאַ פּליטים שיף פול מיט גרויל,
געזען אָבער דעם פונק וואָס צינדט אונטער,
קרעמאַטאָריום קוימען מיט רויכיק געקנויל.

5

אויף אַלע וויסטע פעלדער און וועלדער
דאָס אַש פון אונזער געביין ליגט אויסגעשפּרייט,
און אין די קלויסטערס קרעמאַטאָריום־רויך
פון שאָקלענדיקע ווייִרויך־קעסלען אויפגייט.

יאָ, אַז דעם מערדערס האַרץ זאָל מתודה זיין
פון זיינע הענט דער קרבן געקוילעט ווערט!
אָ, נאָך פייניקנדיקער ווי דער טויט,
דעמלט, ווען דער קרבן די ווידוי דערהערט.

6

נישט אויף די ימים און נישט אויף די שיפן
קומען מיר פון ווו די וועלט נאָר האָט אַן עק —
אויף אַ לעצטן ברעט, אַ שווימענדיקן,
אויף צעברויזטן אונזער בלוט פון ברעג ביז ברעג.

די סירענעס — גאַז־קאַמער יללות,
ווילד אויפגעיאָמערטע מיט טויטן שרעק;
ב׳קרעמאַטאָריום רויך די זון — דער קאָמפּאַס,
פון ווו דאָס ציטער־ווייזערל איז אַוועק.

— — ולבי במזרח.״

# מי כמוך באלים יי׳

*  *  *

פון שיפן צעשמעטערטע אין שטורעם־ווינטן
מייז צעלאָפּענע אין אַלע זייטן — —
אָ, דאָס געשריי אין ווייטסטע ווייטן
און דער צער נישט צו דערגרינטן —

כוואַליעס צעשוימטע יאָגן און דערגרייכן,
יעדער פעלז שרעקט מיט וואַרפנדיקן שאָטן,
טשאַטעוודיקע חיות אין אַלע גראָטן,
מיט רויב־פויגל צעפלאַטערן די הייכן.

און ווי קאָנען מיר נאָך געראַטעוועט ווערן?
יאָ, מיט אונזערע לייבער פאַרשטאָפּן די לעכער!
און דאָס ליד צעפּיפן העכער און העכער!

אויפגעשוימט מיט אַלע אונזערע טרערן,
מיט אַלע אונזערע צעברויזטע געהירן — —
דאָס גוטס פאַרן מענטש צום ברעג צו דערפירן.

## אונזער פּיראטן-ליד

האָ־האָ־האָ! ערגעץ־ווו האָבן מיר אויך אַן אינזל,
און מיר זאַמלען זיך ווי די ווילדע פּיראַטן,
מיט ליד צעפּיפּענעס פון טאַטן צו טאַטן —
ס׳איז אונזער האַרץ אין אונזער בלוט געריגזל!

האָ־האָ־האָ! אין אַלע זייטן ציען אונזערע שיפן,
ווי קעצישע וואַנצעס דרייען זיך אונזערע זעגל,
די מאַסטן ציטערן אונטערן גראַטש פון אונזערע נעגל,
און מיט אונזער ליד פון טאַטן צו טאַטן צעפּיפן.

האָ־האָ־האָ! פול געשטאָפּט זיינען אונזערע שיפן,
מיט גרין־אויגיקע קעץ ווי מיט ימים טון מיר שטיפן!
מיר ציען דורך וועלט ווי צעפּיפּענע פיילן —

האָ־האָ־האָ! דאָס גוטסקייט פאַרן לעבן זאַמלען מיר איין!
און פאַר לעצטער נויט דאָס מענטשליכע פאַרשטיין!
יעדער איז אַ ברודער, מיט יעדן טוען מיר טיילן.

**פון בוך: לאָנדאָנער סאָנעטן.**

## דאס מאטראסן-ליד פון „יגור“

איבער די ימים הערשן די בריטן,
צו אונז אָבער די הימלען געהערן!
מיר דערשווימען צו ברעגעס, צו ווייטסטע,
אויף ימים פון פאַרגאָסענע טרערן.

מיטן בלוט פון קינדער געקוילעטע,
מיט שיינען פון שייטער־אויוון פלאַמען,
זוימען די האָריזאָנטן זיך רויטע,
ווו הימל און ים קומען צוזאַמען.

„מקולות מים רבים אדירים“ — —
נישט שיף־רעדער מיט צישען און שוימען —
איבער ימים פאַרגאָסענע טרערן,
פונקן־צעשפּריצטער קרעמאַטאָר־קוימען:

שוואַרצע רויך־קנוילן ווינדיק צעפלאַשעט —
די ברייט־צעוויקלטע פלאַטער־פענער;
יללה־געשרייען פון מיליאָנען —
די געגעבענע סיגנאַלן־טענער.

און אין שטורם־נעכט ווילדע צעברויזטע
רויטע לבנות זייגען קאָמפּאַסן — —
האָ, האָ, האָט ווער דען אונזער צער דערפילט?
אַזוי אַצינד אונזער פרייד דערפאַסן!

ווי זיי כוואַליען דאָס אונזערע הערצער,
און ווי זידיק זיי קאָכן און ברויזן:
מיר ציען פעטלעס פון תליות אַראָפּ,
ווי זעגל־שטריק פון מאַסטן — מאַטראָסן!

האָ, האָ, האָ, הימלען שפּרייטן זיך פרייע,
און אונזער פרייד וויל גאָר נישט אויפהערן — —
דערשווימען מיר דען איצט אויף לעצטן ברעט,
פאַר בריטישער קויל ציל־ברעט צו ווערן?

הא, האָ, נישט פֿאַר זעגלען, נישט פֿאַר דאַמפּערס,
און נישט פֿאַר קריגס־שיפֿן גאַנצע פֿלאָטן — —
גאָרער וועלט שוין צו דערטרינקען אַצינד,
האָבן ימים טרערן אויפֿגעזאָטן.

## דער לייב פון יהודה

נישט אַ געפאַנגענער אין אַ שטייג איז אַ לייב —
געדיכטע דזשונגל זיינען די אייזן־שטאַנגען!
אין זיינע דלת־אמות דאָס שווערע שפּאַנען —
אַלץ טיפערער צווישן די שטאַמען געגאַנגען!

נאָנטער צום ציל, האַרטער ביים שליאַד, ביים בלוטיקן,
שוין דערשמעקט ער היימישע שאַרפע גערוכן — —
דאָס אויפפלאַקערן אין זיינע לייבן־אויגן —
זיינע זייגענדיקע האַלט ער אין איין זוכן.

און ווען ער צעברילט זיך מאַיעסטעטיש און ווילד,
אַזש פון די גראַטעס דער זשאַווער נעמט זיך שיטן!
גייט עס איבער זיין לייב ווי גרויליקער דונער —
בליצן וואָלטן דעם דזשונגל אַדורכגעשניטן!

מעכטיק רינצלט דער רוקן, די שלאַנקע ליטקעס,
ווי ס'קנאַקן זיינע אויפגעטרייסלטע ביינער — —
נישט זיין אונטערשטע לעפץ — אַ פּאַנג פּאַר זיינע קליינע,
צווישן דעם ווילדן געבלישטש פון זיינע ציינער!

און די לייבלעך, אין דער היים איבערגעבליבן,
פון זייערע אייגענע לאַפּעס זיי זייגן,
און זיין צוריקקומען זיי האָרכן כסדר,
אין יעדן געקנאַק פון די טרוקענע צווייגן —
— — — — — — — — —

נישט אַ געפאַנגענער אין אַ שטייג איז אַ לייב,
און יונגע לייבן — פון הונגער שטאַרבט נישט קיינער!
גראַטשעס בייסן זיי זיך אַרויס פון די לאַפּעס,
מיט זייערע אייגענע לייבען־מילך־ציינער.

## י״א בעומר (עפּיטאַף)

זייער לעצטן שמע ישראל
ס׳האָט יעטוועדער ייד געהערט;
וואָס ווידוי און וואָס קדיש
פאַר דעם וואָס אומשטערבלעך ווערט?

בר כוכבא צי בר כוזבא,
וואָס איז דען דער אונטערשיד?
דער געהענגטער בלייבט זיגער,
נישט תליון וואָס שטריק פאַרציט —

מיט ווידוי אויף די ליפּן
בלייבט ער ליגן אויף די קני,
און ס׳קלאַפּט „על חטא״ זיך די האַנט,
געמאַכט דעם פּעטלע־פּאַרצי — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

זייער לעצטן שמע ישראל
ס׳האָט יעטוועדער ייד געהערט!
און קדיש נאָך קדושים
צו זאָגן, ווער איז דען ווערט?

# געבליבענער איינער

פאַר מיין ברודער־זון אין תל־אביב הרב יונה שטענצל לכבוד ל״ג־בעומר.

נישט מיט פיילבויגן און האָלצערנעם שווערדל,
מלמדים מיט יינגלעך אויף הייליקן פעלד,
פון יעדן שטעטל געבליבענער איינער,
אויף טויט און אויף לעבן אַ באַוואָפנטער העלד.

נישט מיט אייער און בייגל סעודות צו פּראַווען,
אויסגעזעצטע בחברותא אין פרישן גרין,
פון יעדער משפחה געבליבענער איינער,
גראַנאַטן צו שליידערן ציט איצטער אַהין —

אין הייליקן לאַנד יענע סעודה צו מאַכן,
אַז פאַר אַלע מענטשן ס׳שטיקעלע ברויט זאָל זיין,
פון פיינסטן מעטאַל געשליפן מוז זיין די שווערד,
און אויף טויט און לעבן יעדער גרייט זיין צו גיין.

צי קאָן מען דען אויסשמידן אָן אַקער אייזן,
פונם ל״ג־בעומר בויגן און שווערדל פון האָלץ?
אייגענעם קאָפּ אַ באַמבע אונטערצולייגן,
טראָגן זיי די קעפּ דאָרטן געהויבן און שטאָלץ.

# ווי איבער מיין אכציק יאריקער מאמען

(פאַר מיין ברודערס אייניקלעך אין תל אביב)

ווי איבער מיין אַכציק יאָריקער מאַמען,
אינדערהיים אונטער דער געטאָ־מויער,
מיין האַרץ עס האָט אויפגעציטערט כסדר,
צווישן שטאָלץ און געוואַלטיקן טרויער,

אַזוי ציטערט מיין האַרץ איצט יעדע רגע,
איבער דעם וואָס ס׳געשעט אינם ישוב,
איבער דער שטאָלצער כותל־מערבי־וואַנט,
מיט איר אַכציק דורותדיקן כישוף —

גייען מיין מאַמעס אוראייניקלעך איצט דאָרט,
צווייגלעך אין הייליקער ערד פאַרפלאַנצן ?
אָדער ווי גרוי מיט מאָך באַוואַקסענע וואַנט,
מיט איר שורש אויסרייסן אינגאַנצן ?

אָ, וואָס ווייס איך פון שטאָלץ און פון פערפלאַנצן,
אַז מיין האַרץ צאַפּלט אין שרעקלעכן טרויער !
מיין גרויל־געבויגענער שווערער קאָפּ — אַ שטיין,
אַרויסגעפאַלן פון געטאָ־מויער.

## „ברידער-קאמף אין ישראל“

(צייט-ליד) פון אַ צייטונג־נאַכריכט

אַז איר אַליין שיסט איינער אויפן צווייטן,
טאָ וואָסער טענה נאָך צו די פעלקער האָבן?
מעגן זיי דאָך ביי לעבעדיקן לייב שוין
אין מאַסן־און ברידער קברים אונז באַגראָבן.

וואָס שאַדט עס זיי, אַז ס׳רירט זיך די ערד מיט אונז,
אַז אייך צומאָל אונזערע לעבענס נישט רירן?
ג׳רעכט איר זייט ביידע, מסתמא, ווי די פעלקער,
וואָס ווילן ווי איר פונקט זייערס רק אויספירן.

עס האָט שוין געפסקנט אַ קעקניג אין ישראל,
ווער פון אייך ביידע בלייבן זאָל דער גערעכטער:
די וואָס וויל ס׳פריש־געבוירענע צעשניידן,
די איז נישט די מוטער פון קינד — נאָר דער שעכטער.

וואָרים באמת אויב ס׳וואָלט יידיש לעבן
אייך ביידע גלייך טייער און הייליק געוועזן — — —
ווי די ערד מיט לעבעדיק פאַרשאָטענע,
מיין האַרץ אויפגעציטערט האָט ווען כ׳האָב געלעזן:

אַ ברידער קאַמף אין ישראל אויסגעבראָכן —
הגנה און ארגון שיסט איינער אויף צווייטן — —
אָ, דאָס איז עס דאָך אויף וואָס דער שונא וואַרט,
קוילעט אייך נאָר אויס, וועט ער קומען צום גרייטן.

ס׳איז דעם שונא אין אינדיע, אין גריכנלאַנד —
זאָל עס אים אויך איצט אין ישראל געלינגען?
בעסער אויפברעכן זיך ערד אַ ברידער־גרוב,
ביי לעבעדיקן לייב אונז אַלע פאַרשלינגען — — —

אַז ווי אַזוי אויסקומען מיט גאָרער וועלט,
אַז צווישן זיך מיר קאָנען נישט אַדורכקומען?
אָדער האָט איר דאָס אַזוי פיילבויגן־פלינק,
שוין די חכמת הפּאָליטיקע באַנומען?

אָ, אויב דאָס מיינט „ככל־הגיים״־מלוכה
אין אייגן בלוט אייגענע הענט באַפלעקן ?
איז שוין גלייכער גלות־קרעמאַטאָריום־אַש
צעשפּרייט איבער אַלע וויסטע ווילדע העקן.

אַז איר אַליין שיסט אייגער אויפן צווייטן,
טאָ וואָסער טענה נאָך צום שונא שוין האָבן ?
איז עס ווייל איר ווילט בלייבן די גבורים,
ווילט איר דאָס לאַנד, וואָס איר באַפרייט האָט, באַגראָבן ?

איבער אייגן פאָלק „תמות נפשי״ זאָגן —
אַזאַ שמשון איז גאַנץ שוין אַראָפּ פון זינען !
„איזהו גבור הכובש את יצרו״ — — — —
דאָס איז דער לעצטער זיג, אַ שלאַכט צו געווינען.

## שנת ת״ח — תש״ח

וואָס זיינען הײדאַמאַקעס, כמעלניצקי,
אַנטקעגן דעם וואָס געשען ס׳איז אַצינד?
ס׳האָט אַ קאָזאַק דעמלט, אַ שכורער,
אויף אַ פּיקע אויפגעשטאָכן אַ קינד —
מיליאָנען אויפגעגאַנגען אין פלאַמען,
און דער רויך איצט אַ צעפּלאָשעטער אין ווינט!

נישט קיין גמטריא, נישט קיין פּרט,
אויסגעחשבנטער ק״ץ פון שבתי צבי,
אַ פיבער־קאָפּ געוויקלט אין טורבאַן,
פּאַר סולטאַן כורעים פאַלנדיק אויף קני —
אַ חנניא מישאל ועזריה
פון אויוון אַרויס, יעדער פּליט־די. פּי.

עס איז דער ברענענדיקער מהלך,
ברוך שפּינאָזאַ, דער בעל שם, דער ש״ך,
ס׳איז דער גמטריא סך־הכל,
פון יידישע קדושים ביז שנת תש״ח. —
איינשטיין־אויפגעבראָכענע־אַטאָמען:
יוד. חת. ברענערס אצ״ל, לח״י און פּלמ״ח.



9

## דעם פייער קניפּ עס רייסט קיינער מער אויף

יענע פוקסן ביי די עקן פאַרבונדן,
מיט ברענענדיקע פלאַקערס געצונדן,
דעם פיינט אויף אָפענע פעלדער געשיקט,
אַזוי פאַרקניפּטע איינער מיט צווייטן,
זיך רייסנדיק אין אַלע פיר זייטן,
דעם פיינט ביים לעבעדיקן לייב פאַרציקט.

ס'האָט די עקן נאָך שמשון פאַרבונדן,
די פלאַקערס — שייטער־הויפן געצונדן!
דעם פייער־קניפּ עס רייסט קיינער מער אויף — —
קייגן אונז, קליגסטע פיקסלעך וואָס זענען?
גאַנצע וועלט אויף אַש כאָטש צו פאַרברענען,
צעיאָגט איצט מיר זענען אין ווילדסטן לויף.

## מכבי״ם

ניִשט אויסגעהאַקטע פֿון מירמלשטיין,
אַטלאַס־קעפּ אויף קאָרינטישע זיילן,
איבער זיי שפּילנדיקער אַמאָר,
מיט בויגן און פֿאַרגיפֿטיקטע פֿיילן —

פֿון די פֿינסטערנישן פֿון די בערג,
פֿון די טיפֿענישן פֿון די היילן,
רייסט זיך פֿעלדז־פֿאַרוואָרצלטער גראַניט,
מיט אייגענע הענט זיך טעסען און פֿיילן!

ניִשט ראַנגלדיקע צירקוס־העלדן,
דאָס פֿאָלק צו פֿאַרשפּילן און פֿאַרווײַלן,
מיט טויזנטער מײַלער לאַכט עס אויף,
זעענדיק איינס ס׳אַנדערע צעקײַלן;

ניִשט פֿאַרשוויצטע, פֿאַרשווייסטע לויפֿער,
אין געוועט אויף וויאָרסטן אויף מײַלן,
און אויף שפּיל פֿון נאַקעטע מוסקלען,
מידע בליקן תּאווהדיק פֿערווײַלן —

ס׳איז דער זון־אויפֿגאַנג — דער דיסק פֿאַר זיי,
די אַרענע — די פֿינף וועלט טײַלן,
אויף צווייגן־הערנער, הערשן אין לויף,
טראָגן זיי די וועלט אויף שטערן־ביילן. —

שטיקער גראַניט, פֿעלזיקע, האַרטע,
פֿון שטורעמס געשלײַפֿט מיט שאַרפֿע פֿײַלן,
איבער אויגן — אָדלער געפֿלאַטער,
פֿון טיפֿענישן פֿון פֿינסטערסטע היילן.

און געטראָפֿענע, פֿאַרוואונדיקטע,
פֿון אַמאָרס גיפֿטיק געצילטע פֿײַלן,
טרייסלט די ערד, אַ פֿאַרציטערטע,
פֿון זייער „מי כמוך באלים״ — — —

און אין זייער בלוטיקער נקמה,
ווען זייערע הענט פויסטן זיך אין ביילן,
זיינען זיי דער צבאות־טעמפּל,
הימלען אונטערשפּאַרנדיקע זיילן.

# כי מעולם ועד העולם אתה אל

אַרום ירושלים טומלט די שלאַכט — —
עס יאָגן די פעלקער אָן מיט ווילדן געאייל,
נישט פאַר קריסטוס און קבר זיין הייליקן,
נישט פאַר אַלאַ און מחמד זיין נביא —
עס פלאַקערט דער קאַמף אַרום די קוואַלן פון אייל!

און מיר, מיט הערצער און מיט פויסטן געבייל,
מיטן לעצטן בלוט־טראָפּן געהייליקטן:
כי מעולם ועד העולם אתה אל — — —

אַרום ירושלים טומלט די שלאַכט — —
און אויפן שאַרף פונם שווערד — אויף מעטער און אייל,
יעדער טראָט געמאָסטן מיט לעבן און לייב;
יעטווידער אַפּאָסטל־און קאָראַן פסוק,
איז דער בלוטיקער שלאַכט־רוף פון הערשן און טייל.

און מיר מיט הערצער און מיט פויסטן געבייל,
מיט לעצטן בלוט־טראָפּן געהייליקטן:
כי מעולם ועד עולם אתה אל — — —

אַרום ירושלים טומלט די שלאַכט — —
דער מדבר איז פול שוין מיט שאַקאַלן געהייל;
פון זיין פעלז־נעסט דער רויב־פויגל, דער אָדלער,
דערשמעקט שוין די פגרים פון זיין העכסטער הייך,
ווי די היענע פונקט אין איר פינסטערער הייל.

און מיר מיט הערצער און מיט פויסטן געבייל,
מיטן לעצטן בלוט־טראָפּן געהייליקטן:
כי מעולם ועד העולם אתה אל — — —

אַרום ירושלים טומלט די שלאַכט — — —
יעטווידער אַטאָם איז ציל געצויגענער פייל!
אַלע פעלקער פאַרפלאָכטענע אין קאַמף,
צעפלאַקערטער קנויט געצויגן דורך אייל־קוואַל...
אויפצופלאַמען אַ צופאַלענער פייער־זייל — — — — — — — — — —

און מיר, מיט הערצער און מיט פויסטן געבייל,
מיטן לעצטן בלוט־טראָפּן געהייליקטן:
כי מעולם ועד העולם אתה אל — — — — —

## חזק חזק ונתחזק

ניין, נאָך נישט קיין תם ונשלם,
שבח לאל בורא עולם,
עס הייבט די שלאַכט זיך איצט ערשט אָן,
און אַלצדינג געשטעלט איז אין קאָן.

ס'איז זיך נישט קיין מענה־לשון,
„איינצורייסן" מיט אים קברים —
ס'איז קאַמף, נישט גלאַטע דבורים,
ס'איז סוף פון ספר דברים — —
חזק חזק ונתחזק!

אַ, ניין, נישט קיין תם ונשלם,
אַ תפילהלע אַזוי זיך סתם,
מיט מליצה און מיט געפּיל,
„אָפּגעפּערטיקט", „געמאַכט דאָס שפּיל"...

ס'איז זיך נישט קיין מעבר יבוק,
אַ ווידוילע פאַרן שטאַרבן —
אויף טויט און לעבן ס'גייט אַצינד,
ווידער ס'לאַנד צו מאַכן אַרבן — —

חזק חזק ונתחזק!!

נישט קיין תם און נישט ונשלם,
ס'איז זיך קיינער אַזאַ מין תם,
וואָס געמיינט אַז שוין און אַ סוף,
און שור הבר און „מזל טוב"...

ס'איז ווידער יענער געראַנגל,
מיט מלאכים און מיט מענטשן —
בייקומען יעקב מוז צוערשט,
אַז „ישראל" מ'זאָל אים בענטשן — —

חזק חזק ונתחזק — —

— — — — — — — — — — —

ניין נאָך נישט קיין תם ונשלם,
שבח לאל בורא עולם,
פון האַרץ יעדער איילקער טראָפּ,
אות נאָך אות ציילט זיך אין מיר אָפּ,

י—ר—ו—ש—ל—י—ם דיין נאָמען; —
און וויפיל אים נישט פאַרשריבן,
ווי אין יעקב'ס פּחים קטנים,
אין האַרצן אַלץ ר'איז פאַרבליבן —

חזק, חזק ונתחזק — — —

## תוכן:

### ירושלים


ירושלים עיר הקודש .. .. .. .. .. .. 5
ירושלים הבנויה .. .. .. .. .. .. 6
ירושלים של מעלה .. .. .. .. .. .. 7
פאַר די טויערן פון ירושלים אַצינד .. .. .. .. 9
דער שארית־הפליטים הוירא טאַנץ אין ירושלים .. .. 11
דער שווערדן־טאַנץ אין ירושלים .. .. .. .. .. 12
ירושלים די שטאָט .. .. .. .. .. .. 14


### פאַר דער כותל מערבי


פאַר דער כותל מערבי .. .. .. .. .. .. 17
פונקט ווי די איבערגעבליבענע מערב־וואַנט .. .. .. 18
י ר מ י ה ו .. .. .. .. .. .. .. 19
גאָט כביכול .. .. .. .. .. .. .. 20
נאָך האַלבער נאַכט (אַ כותל־מערבי־באַלאַדע) .. .. .. 21
אַ כותל מערבי באַלאַדע .. .. .. .. .. .. 22
פאַר דער כותל מערבי (באַלאַדע) .. .. .. .. .. 25


### ארץ ישראל ערד


ארץ ישראל ערד .. .. .. .. .. .. .. 31
זעקס מיליאָן .. .. .. .. .. .. .. 32
ס'איז די גאַנצע ערד שוין יענער מוריה־שטיין .. .. .. 34
לישועתך קויתי .. .. .. .. .. .. .. 35
די ווידוי גדולה .. .. .. .. .. .. .. 36
די זעקס הונדערט טויזנט .. .. .. .. .. .. 37
ארץ־ישראל־חלה־טישטוכל .. .. .. .. .. .. 38
„תחזינה עינינו מציון" .. .. .. .. .. .. 40
שפוך חמתך על הגויים .. .. .. .. .. .. 41
חד־גדיא .. .. .. .. .. .. .. .. 42


### מגן-דוד-שטערן


קאָנסטעלאַציעס .. .. .. .. .. .. .. 45
מזל־תאומים (האָראָסקאָפּ 1) .. .. .. .. .. .. 47
מזל־טלה (האָראָסקאָפּ 2) .. .. .. .. .. .. 49
אַ צפתער־חנוכה־באַלאַדע .. .. .. .. .. .. 51

## עיר דוד


דאָס קעניג ליד אין יהודה (מאָטאָ־ליד) .. .. .. .. .. 59
דוד המלך .. .. .. .. .. .. .. 61
דער קעניג דוד .. .. .. .. .. .. .. 63
דוד המלך דער זינגער פון ישראל (אַ טריפּטיך) .. .. .. 65
דאָס קריגעלע בוימאייל (באַלאַדע פון אַ לעצטן חשמונאי) .. 73
אַ משיח באַלאַדע .. .. .. .. .. .. .. 79
משיח און זיין אייזעלע (סאָנעטן) .. .. .. .. .. 82
אַ יהודה הלוי פראַגמענט .. .. .. .. .. .. 86
רבי דודל לעלעווער (די באַלאַדע פונם חוזה׳ס אויגן) .. .. 90
אליהו הנביא אליהו התשבי אליהו הגלעדי במהרה יבוא אלינו
עם משיח בן דוד (צייט באַלאַדע פון אַצינד) .. .. .. 99


## כ׳האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט


אַ שאָטן־שניט, נציב־העליון (מאָטאָ־סאָנעטן) .. .. .. .. 101
אונאָ־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן (צייט באַלאַדע) .. .. .. 103
ביי דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע קאָמיסיע .. .. .. .. .. 105
1. די חלוקה יידן
2. די באַזעלער בריק
3. דער „ווייס פּייפּער״ .. .. .. .. .. .. 106
„ביילבל״־פּסוקים .. .. .. .. .. .. .. 108
אַ, איך האָב אַזויפיל געוויינט אין יענער נאַכט .. .. .. 110
נעפּל־מיראַזשן .. .. .. .. .. .. .. 112
די קליינע צייט־לידער .. .. .. .. .. .. 114


## מי כמוך באלים...


**אונזער פיראַטן־ליד (מאָטאָ־סאָנעטן) .. .. .. .. .. 119
דאָס מאַטראָזן־ליד פון „יגור״ .. .. .. .. .. .. 121
דער לייב פון יהודה .. .. .. .. .. .. .. 123
י״א בעומר (עפּיטאַף) .. .. .. .. .. .. 124
געבליבענער איינער .. .. .. .. .. .. 125
ווי איבער מיין אַכציק יאָריקער מאַמען .. .. .. .. 126
„ברידער־קאַמף אין ישראל״ (צייט־ליד) .. .. .. .. 127
שנת ת״ח—תש״ח .. .. .. .. .. .. .. 129
דעם פייער קניפ עס רייסט קיינער מער אויף .. .. .. 130
מכבי״ם .. .. .. .. .. .. .. .. 131
כי מעולם ועד העולם אתה אל .. .. .. .. .. 133
חזק חזק ונתחזק .. .. .. .. .. .. .. 135